№ 34 Należytość pocztowa opłacona ryczałtem. אכטער יאָהרגאַנג. פּרייז 20 גראָשען CZĘSTOCHOWER CAJTUNG

טשענסטאָכאָווער צייטונג

Bibljoteka Jagellońska
Kraków
Św. Anny 19

אַנאָנסען-פּרייז: פאַר א מילימעטער שורה ... 40 גראָשען ... 25 גראָשען ... 80 גראָשען.
ערשיינט יעדע פרייטאג.
רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע
ערשטע אַלעע 6. טעלעפאָן 201.
אַבאָנעמענטס-פּרייז: א נומער 20 גראָשען.
Częstochowa, Aleja 6. telefon 201.
Piątek dn. 23 sierpnia 1929 — 629 ליכט-צינדען — פרייטאג, פ׳ עקב י״ז אב תרפ״ט

א זעלטענע געלעגענהייט!

דער גרעסטער דעטייל - פערקויף
פון דער בעקאַנטער לאָדזשער שטרימפּף - פאַבריק

S. BIELINSKI i Z. KOMOROWSKI

געפינט זיך אין פאַבריקס - לאַגער ביי

ה. פראַנק, קאַשטשושקי 13

(אין לאָקאַל פון גאָרסטעלן-געשעפט „סטעפא")

וואו עס ווערען פערקויפט צו פאַבריקס פּרייזען די בעסטע קוואַליטעט שטרימפּף, שקאַרפּעטען, קינדער שטרימפּף, אַלץ זעהר ביליג. שטרימפּף פון 1.80 זל. שקאַרפּעטען פון 75 גר.

ההסתדרות הציונית בפולניה
סניף בצינסטוחובה רחוב פילסודסקי 13.

מאָרגען, שבת י״ח מנחם - אב 6 א זייגער פאַר נאַכט (24|VIII)
ווערט אין איינענעם לאָקאַל פילסודסקי 13
ד״ר חיים ליפשיץ אָבגעגעבען
א בעריכט וועגען דעם
16-טען קאָנגרעס.

א עקספּעדיענטקע

צו דאַמען קאָנפעקציע ווערט געזוכט
זיך מעלדען ז. סטעמפנער אלעע 7.
דער מאַסטען אין וואַפּאַרט אויבערצוגעמען.

איבערצוגעבען א געוועלב אין צענטרום פון דער שטאָדט
זעהר ביליג
ערקונדיגען אין רעדאַקציע פאַר M.

Dr. Med.
R. SZAFFEROWA
Kilińskiego № 9
POWRÓCIŁA
i przyjmuje od 4—7
Choroby skórne i weneryczne
LAMPA KWARCOWA.
Naświetlania w godz. umówionych

צום לעצטען מאָל!

מעלדער איך אויף דעם ה׳ אברהם גראַנעק אַלטער מאַרק 11 (אינהאַבער פון שניידער מאַשינען), אַז ער זאָל אין משך פון 3 טאָג מיר צוריק געבען די וועקסלען, וועלכע איך האָב מיט איהם ... צוליב ... אויף די פרייט ... דעם ה׳ ש. מינצמאַן און ה׳ פּ. ... אין בעת דעם מכסוף געהען דער פּערמיטלער.
אויב איך וועל די דאָזיגע וועקסלען נישט האָבען צוריק אין משך פון די דריי טאָג בין איך איהם מתרה, אַז איך וועל נישט זיין פעראַנטוואָרטליך פאַר די פאָלגען, וועלכע וועלען ברענגען טרויעריגע קאָנסעקווענצען.
מיט אַכטונג זעליג רוג.

מעבעל שלאָף-צימערן, עס-צימערן, קוך-מעבעל, אויך איינצעלנע טיילען
ווערען אויסגעפערטיגט, רעעל, צו מעסיגע פרייזען און אויף גוטע בעדינגונגען אין טישלער-ווערקשטאַט
פון ל. גאָלדבערג, קאַשטשושקי 17

M. HARTMAN
FELCZER
ul. Spadek № 14.

STARSZY FELCZER
S. MITTLER
Piłsudskiego 5.
telefon 8-04.

א גענוצטע דעקל-שער

אין א גוטען צושטאַנד זוך איך צו קויפען
מיכאַלאָוויטש, אַגראַדאָווא 5
וואַליזקע-מאַכער.

צו דער בעקוועמליכקייט פון דער נ׳ קונדשאַפט!
האָב איך מיין געשעפט פון נייער מאַרק 15 איבערגעטראַגען און געעפענט

א פּראַנטאַוועס געוועלב
נייער מאַרק 3

וואו מען קען בעקומען די בעסטע שמאַקהאַפטסטע גע־רויכערטע פלייש, וואורשטען, געמעלצענע פלייש, די פרישסטע שמאַלץ א. א. וו.
איך האָב אויך איינגעאָרדענט א זעהר הערליכע בעקוועמע איינריכטונג לויט די היגיענישע כללים ווי צו עסען אויפ׳ן אָרט.
מיט אַכטונג:
יעקב משה גרויסמאַן נייער מאַרק 3

די אָוונט-קורסען פאַר לערן-יונגלעך

ביי דער האַנדווערקער שולע נאַרוטאָוויטשאַ 10|8

מאַכט בעקאַנט, אַז דאָס איינשרייבען אויף די אָוונט-קורסען הויבט זיך אָן פון זונטאג דעם 18 אויגוסט אין דער קאַנצעלאַריע פון דער האַנדווערקער-שולע יעדען טאָג פון 6—8 אָוונט.
בעמערקונג: מיר מעלדען אויסמערקזאַם די בעל-מלאכות פאַר נישט שיקען די לערן-יונגלעך אויף די אָוונט קורסען דרהאַט א שטראָף ביז 1000 זלאָטעס און 14 טאָג אַרעסט לויט׳ן פּאַראַגראַף 127 פונקט 2 פון צעכען געזעץ.

עפנטליכע אויפפאָדערונג.

איך פאָדער אויף דעם שלאָסער אברהם נאַטיבאַ וואַרשאַווער 37, צו א עהרען-געריכט, וועלבער אנשטאָט אויסצולערנען מיין זוהן דאָס פאַך האָט איהם פערנומען מיט פרייוואַטע אַרבייט. אויב ער וועט נישט זיין אין משך פון 3 טאָג צום עהרען-געריכט, וועל איך זיין געצוואונגען איהם איבער-צוגעבען א קרימינאַל געריכט.
מיט אַכטונג נטע רייכער.

אכטונג דאַמען!

דער געוואוסטער סאַלאָן פון דאַמען-בעקליידונג
י. לעוואָקאָוויטש, 2 אַלעע 35

מאַכט בעקאַנט, אַז מיר האָבען בעקומען די נייעסטע מאָדעלען פון פאַריזער און לאָנדאָנער מאָדעלען צום ווינטער סעזאָן פאַר מענער און פרויען פון ערשטקלאַסיגע פירמען.
די אַרבייט ווערט אויסגעפיהרט רעעל און פּינקטליך.

יודישע לאַנדווירטשאַפטס-געזעלשאַפט.

זונטאג דעם 25 אויגוסט אויספלוג אין דער שמיר-גרובען, קאַלך-אייוועס און מירוב ...

זונטאג דעם 1 סעפטעמבער אויספלוג נאָך פראַדאָמסקע ...

א גענער אויפפאָדערונג.

16|8 ...
נומ. 33 ...
אויף 100 ...
וועל ...
בען 200 ...
צושטעלען ...
דער הענעך ראַשניצקי

צוליב׳ן ענדערן דאָס געשעפט

ווערל איך אויספערקויפען פון באַלד א גוט פאָטאָגראַפיע, פון 25 יאָהר עקזיס-טירענדע, רעסטויראַציע אָדער אַנדער געשעפט. דערביי 2 גראָשען צוזאַמען מיט צוקערניע, רעסטויראַציע אָדער אַנדער געשעפט.
אין א קיר. ערקונדיגען אַלטער מאַרק 30.

Gimnazjum humanist. Tow. Żydowskich Szkół Średnich,
Dąbrowskiego 3-a
z prawami szkół państwowych
Decyzja M. W. R. i O. P. № II 10753 z d. 20.VI 1929
Zawiadamia się, że zapisy uczniów i uczenic nowo-wstępujących do klas A, B, C, lub do gimnazjum od klasy I do VII włącznie przyjmuje kancelarja gimnazjum i udziela informacyj codziennie od godz. 9—1.
Egzaminy wstępne odbędą się dn. 1 i 2 września.

מאַכט בעקאַנט, אַז איינשרייבונגען פון נייע שילער און שילערינס, וועלכע ווילען אריינטרעטען אין די קלאַסען א. ב. צ. אָדער אין די גימנאַזיאַל-קלאַסען פון I ביז VII איינשליסליך נעמט אָהן און ערטיילט אינפאָרמאַציעס די קאַנצעלאַריע פון גימנאַזיום יעדען טאָג פון 10—12 פאָרמיטאָג.
די איינטריטס-עגזאַמענ׳ס קומען פאָר דעם 1 און 2 סעפּטעמבער

איל זיך צו!

עס איז שוין אָנגעקומען די 5-טע קלאַס
פון דער 19-טער מלוכה לאָטעריע
יעדער צווייטער לאָס געווינט
ס׳גרעסטע געווינס ביי דער קלאַס איז

750,000 זל.

עס איז נאָך פערבליבען א קליינע צאָהל צעטלען.
צו בעקומען אין
KANTOR WYMIANY
J. WEKSLER, Aleja 6.

SZKOŁA KOEDUKACYJNA i PRZEDSZKOLE
z prawami szkół państwowych
ZOFJI WAJNSZTOKÓWNY
w CZĘSTOCHOWIE
zawiadamia iż zgłoszenia nowowstępujących do wszystkich klas od A do 4-ej włącznie przyjmuje kancelarja szkoły, Piłsudskiego 13, II brama, II piętro codziennie od 13—14·30.
Egzaminy systemem lekcyjnym od 3 września 1929 r.
W roku szkolnym 1929|30 czynny będzie komplet 5 klasy w godzinach popołudniowych.
Do przedszkola przyjmuje się dzieci od lat 3-ech
Dla niezamożnych ulgi w opłacie.

7-mio Kl. Prywatna Szkoła Powszechna
B. WAJNBERŻANKI
w CZĘSTOCHOWIE, I-sza Aleja № 8.
די איינציגע יודישע מוסטער שולע, אין וועלכע די קינדער בעקומען א רעליגיעזע און אינטעליגענטע ערציהונג.
נעמט אָן נייע שילער אין אַלע קלאַסען פון 18-טען אויגוסט אָן יעדען טאָג פון 8 פריה ביז 1 מיטאָג.
אויך אַלע שילער פון פאָריגען יאָהר דאַרפען זיך באַלד פערשרייבען רעגולערע שילער, אויך צום נאָכמיטאָג קורס אויף העברעאיש תנ״ך און תלמוד
די עגזאַמענס קומען פאָר פון 20-טען ד. ח. אָן.

די אַבראַנקע ביים יודישען דאָב-ראָטשינגאָשטש פשעמיסלאָווע 11

מאַכט בעקאַנט, אַז איינשרייבונגען ווערען אָנגענומען פון 28-טען אויגוסט יעדען טאָג פון 10 פריה ביז 1 א זייגער מיטאָג.
די פערוואַלטונג.

וואָרנונג פון דער חברה הכנסת כלה.

אזוי ווי פריוואַטע פערזאָנען דערלויבען זיך צו זאַמלען געלד ביי דער יודישער בע-פעלקערונג בלוזרשט אין אונזער נאָמען, ערקלערען מיר, אַז אונזער אינקאַסענט איז פער-זעהן מיט א קוויטאַנציע און א שטעמפעל. און אינקאַסירט נאָר דעם מיטגלידערס ביישטייער פון אונזערע מיטגלידער, אַלע איבריגע האָבען מיט אונז נישט קיין שום שייכות.
די יודישע בעפעלקערונג דאַרף אין אזעלכע פאַלען רעאַגירען און זאָל קיינער נישט מיטברויכען מיט אונזער נאָמען. מיט אַכטונג
די פערוואַלטונג פון הכנסת כלה אין טשענסטאָכאָוו.

CYRK STANIEWSKICH
סטאַניעווסקי׳ס ציר״ק
איז געקומען נאָך טשענסטאָכאָוו
נאָר אויף 7 טעג!
ערעפנונג פון צירק דינסטאג
דעם 27 אויגוסט
האלב 9 אָוונד
אויפ׳ן ציקלאָדראָם - פלאַץ ביי דער יאַסנע גאָם רוג שלאָנסקע
גרויסער פּראָגראַם פון וועלט-אַטראַקציעס.

זייט נישט עובר אויף בל תאחר!

מיר האבען שוין נישט איינמאל בערוהרט און אנגעוויזען אויף די שפאלטען פון אונזער צייטונג וועגען דעם גרויסען חוב וואס ליגט אויף דער היגער יודישער בעפעלקערונג צו זעהען אז דער רעמאנט אין דער שטאדט-שוהל זאל וואס שנעלער פערטיג ווערען.

עס איז געוויס איבריג צו חיזער-האלען און צו בעטאנען די נויטיג עס איז שוין געווען צו רעמאנטירען די איינציגע שטאָדטישע שוהל און אונזער שטאדט, וועלכע האט שוין געהאט דעם אויסזעהען פון א חורבה, צו אין דער צייט, ווען די פּריוואטע שוהלען און אונזער שטאדט ווערען אבגעהיטען און פון צייט צו צייט געפּלעגט, איז די איינציגע שטאדט-שוהל געווארען פערנאכלעסיגט און קיינער האט זיך נישט געקימערט מיט דעם אויסזעהען פון אונזער מקום קדוש און מקום-תפלה.

דארום אויב מען האט זיך צו דער ארבייט גענומען, אויב מען איז צום רעמאנט צוגעטרעטען איז עס דאך דער בעסטער בעווייז אז מען האט די פליכט אויף זיך גענומען און מ'האט געמאכט, אז דאס מוז געטאהן ווערען.

אבער...

שוין א יאהר צייט ווי די ארבייט ווערט געטאהן, עס זענען שוין אריבער „שלש רגלים" ווען די היגע יודען האבען אויף זיך א נדר גענומען צו פערטיגען זייער הייליגטום און מ'איז אויס אז פאר קיין „בל תאחר" האבען זיי נישט קיין מורא און זיי רעכנען זיך כלל נישט מיט דעם וואס נאך א יאהר איז די ארבייט נאכנישט פערענדיגט.

און דא קומען שוין אן די ימים-נוראים, די הייליגע טעג, ווען די שוהל איז אם נויטיגסטען, ווען די הונדערטער מתפללים וואס דאווענען אין דער שוהל קוקען שוין אויס, אז זי זאל פערטיג זיין און זיי זאלען קענען דארט אבהאלטען זייערע תפלות.

מיר האבען זיך מיט דער זאך נעהנטער פעראינטערעסירט און עס ווייזט זיך ארויס, אז די הויפּט-ארבייט איז שוין געמאכט, די קונסטמאלעריי וואס עס פיהרט אויס אונזער פרעפ. הילענבערג איז שוין כמעט ווי פערענדיגט, און די ארבייט מוז מען זאגען איז וואונדערבאר, ה' הולענבערג האט נישט געשפּארט קיין מיה און ענערגיע, ער האט אויסגענוצט זיין גאנצען קינסטלערישען טאלאנט און די שוהל וועט באמת זיין א צירונג פאר די היגע יודען, עס פעהלען נאך בלויז די זייטיגע נעבען-ארבייטען וועלכע מוזען אבער אויך געמאכט ווערען וואס שנעלער, אויב מען וויל אז די שוהל זאל קענען אויף די ימים-נוראים געעפענט ווערען, וואס עס מוז אומבעדינגט געשעהן.

נאכאמאל מוזען מיר מעלדען די מיטגלידער פון קאמיטעט וואס איז צו דעם צוועק געשאפען געווארען און וועלכע האבען אין אנפאנג אונטערנעמענד געארבייט, אבער באלד זענען זיי מיד געווארען און קיינער פון זיי אינטערעסירט זיך מעהר נישט וואס אין שוהל קומט פאר, ווי די ארבייט האלט און ווען זי וועט פערענדיגט ווערען.

מיר מיינען אז עס פעהלט נאך געלד מעהר קיין ספּעציעלע געלד-זאמלונג איז צו דעם צוועק נישט פערגעקומען און ח' א. אינטערעסירט אונז אז ווען עס זאל זיין די פעהלענדע סומע, וועלט די שוהל אין וועלכען חודש אלול געקענט איינגעווייהט ווערען, אבער וועלכע דען די טשענסטאכאווער יודען נישט געגעבען קיין געלד צו דעם צוועק? וועלט דען איין טשענסטאכאווער יוד, אפילו אין דער אויצטיגער שלעכטער צייט זיך ענטזאגט פון געבען זיין נדבה צום משכן? אנבערהויפּט ווען קיין גרויסע סומע פעהלט שוין נישט.

אבער, ווידער דאס וועלבע, מען מוז האבען די איניציאטארען, די מהוער, די מענשען וואס וועלען זיך מיט דעם פערנעמען, און דאס זענען און דער ערשטער רייהע די קאמיטעט-מיטגלידער און די שוהל-גבאים. אויף זיי ליגט מעהר ווי אויף אנדערע דער חוב די ארבייט צו פערענדיגען.

מיר אפּעלירען דארום צו אייער געוויסען, צו אייער צוזאג, וועלכען איהר האט געגעבען צו די היגע יודען מיט'ן ארייננעמען אין קאמיטעט, געדענקט אז א נדר, א הייליגען נדר האט איהר געטאהן, און א הייליגע ארבייט האט איהר אויף זיך גענומען, און ביז אהער מוזט איהר זעהען אז איהר זאלט אייער נדר ערפילען, און איהר זאלט נישט עובר זיין אויף בל תאחר.

געדענקט, אז „אין המצוה נקראת אלא על מי שגמרה" און דער גמר, דאס פערענדיגען די ארבייט מוז שוין קומען.

י. פּ.

פון דער וואך.

— דער קריג צווישען סאוויעט-רוסלאנד און כינא ענטוויקעלט זיך האט אמאל אלס מעהר, עס איז וואגאר שוין געווען א ספּעציעלע מלחמה-ערקלערונג, און ביידע צדדים גרייטען זיך ענערגיש, אבער פארט איז נאכנישט אויפגעגעבען די האפנונג אז די גרויסע מלוכות וועלען זיך אריינמישען און נישט דערלאזען אז די מלחמה זאל אויסברעכען אין איהר גאנצער שארפקייט.

— נאך צוויי יאהר אונאויפהערליכען דעפיציטען אין פּוילישען האנדעלס-בולאנס, האט דער חודש יולי געבראכט א עודף פון העכער 10 מיליאן זל. דאס איז נאך 28 חדשים דער ערשטער פאל וואס דער עקספּארט איז ביי אונז גרעסער ווי דער אימפּארט, וויכטיג איז נאך דאס וואס עס איז געקומען נישט דורכ'ן פערקלענערען פון אימפּארט נאר דורכ'ן פערגרעסערען דעם עקספּארט.

— די יודישע „יעווסעקציע" אין סאוויעט רוסלאנד וועלכע האבען ערקלערט א אנטי-רעליגיעזע מלחמה געגען דעם יודישען דת, האבען איצט אויסגעארבייט א פּלאן וועגען פּראקלאמירען דעם קומענדען יום-כיפור אלס „יודישער טאג פון אינדוסטריאליזאציע".

— אין גאנץ דייטשלאנד ווערען געמאכט גרויסע פערבערייטונגען צו א גרויסער פייערונג וואס וועט פארקומען לכבוד דעם 200 יעהריגען געבורטס-טאג פונ'ם גרויסען יודישען דענקער משה מענדעלסאהן וועלכער פאלט אויס דאס יאהר.

— לויט די ידיעות פון הויפּט-דירעקטאריום פון קרן-היסוד האבען די הכנסות פון דעם פאנד אין חודש יולי זיך בעדייטענד פערגרעסערט, און זיי האבען דערגרייכט די סומע פון 39,212 פונט.

— אין ווארשא ווערט איצט גענוי בעטראכט די פראגע וועגען שאפען א יודישען עקספּארט אינסטיטוט וועלכער זאל זיך פערנעמען ספּעציעל מיט'ן עקספּארטירען סחורות וואס ווערען אויסגעארבייט דורך יודישע הענד, קיין אויסלאנד. די טעג קומט פאר א זיצונג פון ארגאניזיר קאמיטעט וועלכער זאל אויסארבייטען דעם גענויען פּלאן פון דער ארבייט.

— צוזאמען מיט'ן שוין לאנג געפּלאנטען צו שאפען א יודישעןווירטשאפטליכען ראט, איז אויך ענטשטאנען א פּראיעקט צו ארגאניזירען א געזעלשאפט צו פארשען די יודישע ווירטשאפטליכע לאגע אין פּוילען, די לאגע פון יעדער בראנזשע, וועגען די צאהל יודען וואס ווערען אין איהר בעשעפטיגט, און די ענטוויקלונגס-מעגליכקייטען וואס די דאזיגע בראנזשע קען האבען.

— אין דעם קויהלען-גרוב הירש-ראנד הינטער נאָוי-טיש אין אויבער-שלעזיען איז פארגעקומען א שרעקליכע קאטאסטראפע, 600 מעטער אונטער דער אויבערפלאך איז פארגעקומען א געפעהרליכער אויסבראך און הינטער די רויכיגע שטיקער קויהלען האבען געפונען זייער טראגישען טויט 16 ארבייטער, און 7 ווערען שווער פערוואונדעט געווארען.

— פון לאנדאן ווערט טעלעגראפירט אז דער גרויסער טעקסטיל - שטרייק אין וועלכען ס'האבען אנטייל גענומען 2000 פאבריקען, מיט העכער א מיליאן ארבייטער איז ענדליך ליקווידירט געווארען.

— א שרעקליכען איינדרוק האט געמאכט אין דער גאנצער יודישער וועלט דער לעצטער איבערפאל פון די אראבער אויף די יודישע מתפללים ביים כותל מערבי, ווען די אראבער האבען צושלאגען און צוריסען די סדורים, און ירושלים האט זיך געשאפען א יודישע זעלבסט-שוץ פון ברית-טרומפּעלדאר צו שיצען די כותל פון די אראבישע אנפאלען, א דעמאנסטראציע פון 2000 יודישע יוגענד האט מארשירט איבער די גאסען פון ירושלים און ביים כותל אבגעגעבען א פייערליכע שבועה אלץ מקריב צו זיין ביז די לעצטע כחות זיך צו פערטיידיגען די יודישע רעכט אויפ'ן כותל מערבי.

— אין וויען ווערען געמאכט גראנדיעזע הכנות צו דער צעהנטער „כנסיה גדולה" וואס די אגודת ישראל ארדענט דארט איין, עס ווערען ערווארט טויזענדער געסט, הונדערטער שפּאנישע און פּארטוגאלישע אנוסים וואס ווילען צוריקקעהרען צום יודענטום ווענדען זיך צו דער כנסיה ווענדען זיי די מעגליכקייט אנצונעמען דעם יודישען דת וועלכען זייערע זיידעס עלטער-זיידעס האבען פערלאזט.

— אין אוקראינא האבען זיך פערשפּרייט קלאנגען וועגען נעהמען אנפאלען אויף די יודישע קאלאניסטען אין בירא - בידושאן, אפיציעל ווערען די קלאנגען אבגעלייקענט.

— אויך אין כארבין לעבט די יודישע בעפעלקערונג אין פּאגראם-שרעק ווייל צוליעב דעם רוסיש - כינעזישען קריג געפינען זיך דארט פיעל צארישע אפיצירען וואס ווילען זיך נוקם זיין אין די יודען.

— לויט די לעצטע ידיעות פון ארץ-ישראל קומען און ירושלים העפטער צוזאמענשטויסען צווישען די יודען און אראבער, צוליעב דאס די שטימונג צווישען דער יודישער בעפעלקערונג איז א זעהר געדייצטע, עס איז אין ירושלים פארגעקומען די לויה פון א בוכארער יוד וועמען די אראבער האבען דערשטאכען, און דער לויה האבען אנטיילגענומען ביז 3000 יודען, אלע יודישע געשעפטען זענען געווען געשלאסען, די ענגלישע פּאליציי האט געשטערט די לויה צו געהן דורך די הויפּט גאסען, נאר דורך זייטיגע געסלעך. דער בעקאנטער פּובליציסט פאן מיזועל, וועלכער האט געהאלטען א רעדע ביים קבר איז ארעסטירט געווארען.

— דער כותל-מערבי שוץ - קאמיטעט אין ארץ-ישראל האט פערעפענטליכט א אויפרוף צו אלע ציוויליזירטע פעלקער אויף דער וועלט וועגען אונטערשטיצען די יודישע היסטארישע רעליגיעזע און נאציאנאלע רעכט אויפ'ן כותל-מערבי.

— אין דער ווארשאווער פּוילישער פּרעסע בעווייזען זיך כסדר ידיעות וועגען א בעפארשטעהענדער קאבינעט ענדערונג אין פּוילען, וועלכע זאל זיין בעשלאסען געווארען אויף א זיצונג אין דרוסקעניק צווישען מיט'ן מארשאל פּילסודסקי, און אז די ענדערונג וועט פארקומען אין 3 וואכען נאכדעם ווי דער אויסערן מיניסטער וועט צוריקקומען פון דער פעלקער-בונד סעסיע, די סאנאציע פּרעסע לייקענט אבער קאטעגאריש אב די אלע קלאנגען, און ערקלערט אז קיין שום ענדערונגען וועלען נישט פארגעקומען.

האפענדע פרויען און יונגע מוטערס
העלפט צו צו רעגולירען מאגען-טעטיגקייט.
דאס נאטירליכע „פראנץ יאזעף" ביטער-וואסער.
די הויפּט-פערטרעטער פון מעדערנער פרויען-
היילונג האבען געפונען דאס וואסער
Franciszka Józefa אלס זעהר גוט, לייכט
און שנעלצוהילף ווירקענד מיטעל.

2) די יודישע העלדין.

אונטערהאלטענדע היסטארישע ערצעהלונג פון יודישען לעבען אין פּוילען אין 17-טען יאהרהונדערט.

פריי איבערזעצט דורך: י. נעלזאהן

(פערטזעצונג)

די יודען אין פּוילען האבען אין א זעהר גרויסער מאס אנטייל גענומען אין די שלאכטען, נישט בלויז אין ספּעציעלע מיליטער אין וועלכע יודען האבען זיך בעטייליגט, נאר ווען עס האט געהאלטען ביים בעשיצען א שטאדט אדער א געגענד פונ'ם שונא, זענען אלע יודען, יונג און אלט, מענער און פרויען ארויס אין שלאכט און זייער ארבייט האט זיך זעהר גוט געפיהלט.

יודען האבען דאמאלס אין פּוילען גענאסען פון אלע בירגער-רעכט, און זייער הויפּט-מסחר איז געווען תבואה, און שפּעטער - ארטיקלען, דארובער ווען קעניג סאביעסקי האט צונויפגעזאמעלט פּראוויאנט פאר דעם בעלאגערטען מיליטער האבען די גרויסע יודישע תבואה סוחרים אליין געבראכט זייערע גרויסע לאגערן און זיי איבערגעגעבען דעם קעניג וואס עס האט פיעל פערגרעסערט דעם לאגער און געגעבען די מעגליכקייט א לענגערע צייט אויסצוהאלטען די בעלאגערונג.

דאס צופיהרען די שפּייז-פּראדוקטען דעם מיליטער איז אבער אנגעקומען מיט אונגעהויערע שוועריגקייטען צוליעב דער בעלאגערונג וועלכע איז פון טאג צו טאג שטארקער געווארען, און קעניג סאביעסקי זעהענדיג ווי די זאפּאסען תבואה ווערען פון טאג צו טאג מעהר אויסגעשעפּט איז געווארען בעאונרוהיגט, ווייל ער האט מורא געהאט אז דער הונגער וואס שטעהט אזוי נאהנט וועט נישט מיטהעלפען צום נצחון פון די טערקען.

דאס פּוילישע מיליטער האט זיך דאמאלס קאנצענטרירט ארום ווארשאווא און די בעלאגערונג איז פערגעקומען צוזאמען מיט דער שטאדט ביאלאפּאליע, און די טערקען האבען דערווייל זיך ארויסגעלאזט צוזאמען מיט די באנדעס ווילדע טאטערען, וועלכע זענען בעפאלען א גאנצע רייהע נאהנטע פּוילישע שוצלאזע שטעדט און דערפער אין וועלכע זיי האבען בערויבט און פערנאפירט די איינוואוינער, צוזאמענ'הרג'עט אלט און יונג, פרויען און מיידלעך האבען זיי גענומען געפאנגען, און יונגעלייט האבען זיי צוגעבינדען צו זייערע פערד, און געשלעפּט אין וועג, די שטעדט און דערפער האבען זיי פערברענט.

פון די דאזיגע שרעקליכע און ווילדע פּאגראמען האבען די יודישע איינוואוינער אין די שטעדט און דערפער שרעקליך געליטען, די טערקען האבען געוואוסט אז די יודען זענען טרייע פּוילישע בירגער און זיי נעמען אויך אקטיווען אנטייל אין דער מלחמה, האבען זיי זיך אין די יודען נאך מעהר און נאך שטארקער נוקם גענומען, און געמאכט צווישען די יודען שרעקליכע און אונבעשרייבליכע הריגות און פּאגראמען.

די ערשטע צייט האט זיך די שלאכט, אנגענומען די בעלאגערונג, קאנצענטרירט ביי ווארשאווא, און די דערבייאיגע שטאדט ביאלאפּאליע איז געווען טאקע פריי, און דארובער זענען פיעל ציוויל מענשען אוועק פון דעם בעלאגערטען געגענד ביי ווארשאווא קיין ביאלאפּאליע וואו זיי האבען געגלויבט נעבער צו קענען זיך בעהאלטען פונ'ם שונא, און בעקומען צו עסען, און פון טאג צו טאג זענען אנגעקומען קיין ביאלאפּאליע טויזענדער אנטלאפענע פון די טרויעריגע שטעדט וועלכע האבען איבערפולט די שטאדט.

ביאלאפּאליע איז געווען א אלטע פּוילישע פעסטונגס - שטאדט, וועלכע איז לעצטענס געווען פערנאכלעסיגט, ווייל קיין שלאכט איז דארט נישט פערגעקומען, און ערשט נאכדעם ווי עס זענען געקומען גרויסע מאסען אנטלאפענע האט מען אנגעהויבען טראכטען וועגען פערפעסטיגען די שטאדט און בענוצען דאס פעסטונג.

דער בירגערמייסטער פון ביאלאפּאליע איז געווען א אלטער פּוילישער קריגס-מאן, און ווען ער האט געהערט פון די אנקומענדע וועלכע אונמענשליכע צרות און פּיין זיי האבען געהאט אויסצושטעהן פונ'ם טערקישען מיליטער, און אזוי ווי עס איז געווען צו פערשטעהן אז די טערקען וועלען קומען קיין ביאלאפּאליע אויך, האט ער זיך גענומען ענערגיש מיט אלעמען דאס שנעלער צו בעגלייטען דאס פעסטונג, און צו בעשיצען די שטאדט מיט די טויזענדער איינוואוינער מיט אלע מעגליכקייטען.

ביי דער ארבייט ארום פעסטונג זענען געווען בעשעפטיגט אלע איינוואוינער און די אנקומענדע. אויך די יודען יונגע און אלטע אין זייערע לאנגע קליידונג זענען געשטאנען גאנצע טעג און נאכט ארבייטענדיג ביים פעסטונג, מען האט קיינעם נישט געדארפט צווינגען, ווייל אלע זענען געקומען פרייוויליג און זיך געשטעלט צו דער ארבייט מיט דער גרעסטער אפּפערוויליגקייט, און ביי אזא מוכשירנער און אונטערנעהמער ארבייט איז דאס פעסטונג אין משך פון עטליכע טעג געווען גענוג גוט בעזארגט און אלע פארטען זענען געווען גענוג שטארק זיך אקעגענצושטעלען דעם שונא.

מען האט אויך צוזאמענגענומען פּראוויאנט פון גאנצען געגענד ארום און מען האט דאס אנגעזאמעלט אין פעסטונג, וועלכעס מען האט אויסגערעכענט אז עס וועט קלעקען אויף א גאנץ לאנגע צייט, אבער שלעכט איז געווען מיט דעם וואס אין פעסטונג איז געווען צו ווייניג קריגס-מאטעריאל וואס מען מוז האבען אום זיך צו פערטיידיגען.

דער אלטער העלדישער בירגערמייסטער, וועלכער האט אנגעפיהרט מיט דער פערטיידיגונג פון דער שטאדט און דעם פעסטונג האט צוזאמענגערופען א בעראטונג, צווישען די גערופענע זענען אויך געווען פיעל יודען פון די אנגעזעהענסטע איינוואוינער, און דער בירגערמייסטער האט ערקלערט, אז אום צו שאפען אמוניציע און קריגס-מאטעריאל פאר דער פעסטונג איז פערהאנדען נאר איין עצה, וועלכע איז וואגאר זעהר שווער אויסצופיהרען, אבער אין אזא געפעהרליכען מאמענט מוז אויך דאס אונמעגליכע ווערען מעגליך.

ער האט די פערזאמעלטע פערטרויט אז ארום ביאלאפּאליע זענען פערהאן עטליכע אונטערערדישע היילען, פון וועלכע איינע פיהרט ביז ווארשאווא און דורך דער דאזיגער אונטערערדישער הייל קען מען ברענגען קריגס-מאטעריאל פון דעם הויפּט-לאגער אין ווארשאווא.

די פערזאמעלטע האבען זיך אבגעגעבען א רעכענונג, אז דאס דורכגעהן דורך די עצה פון אלטען בירגערמייסטער איז פערבונדען מיט אונגעהויערע שוועריגקייטען און מוז האבען אובערמענשליכע אנשטרענגונגען, אבער פארט האבען זיך באלד געפונען פיעל מענשען וואס האבען פרייוויליג ערקלערט, אז זיי נעמען אויף זיך די דאזיגע געפעהרליכע ארבייט, וועלכע מוז זיך באלד אנהויבען.

דורך דער אונטערערדישער הייל וואס האט געפיהרט קיין ווארשאווא זענען די ערשטע שלוחים אוועק מיט א בריוו פון בירגערמייסטער צום קעניג סאביעסקי. אין דעם בריעף האט דער בירגערמייסטער געשילדערט פאר'ן קעניג גענוי די לאגע און מעלדעט ביאלאפּאליע מיט איהר פעסטונג און די טויזענדער פערזאמעלטע געפונען זיך, ער האט מיטגעטיילט, אז דאס פעסטונג איז איצט גענוג שטארק זיך אקעגענצושטעלען דעם שונא און עס איז דארובער נעהטיג אבצוציהען דעם שונא מיט זיינע מחנות קיין ביאלאפּאליע, וועלכע איז איצט פיעל שטארקער און מעהר בעשיצט ווי ווארשאווא און ס'איז נעהטיג אז דאס קריגס-מאטעריאל וואס געפינט זיך אין הויפּט-לאגער זאל איבערגעפיהרט ווערען קיין ביאלאפּאליע.

און אזוי איז אדורכגעפיהרט געווארען דער דאזיגער העלדישער פּלאן, דורך דער אונטערערדישער הייל איז צוגעפיהרט געווארען א גרויסע מענגע קריגס-מאטעריאל, הארמאטען האבען זיך אין ביאלאפּאליער פעסטונג געפונען גענוג, מען האט זיי נאר געדארפט מאכען פערטיג צו דער ארבייט און דאס איז דורך די פאכמענער געטאהן געווארען.

די גאנצע שווערע און פעראנטווארטליכע ארבייט האט געדויערט 2 וואכען, אין משך פון וועלכע ביאלאפּאליע איז געווארען א שטארקע און מעכטיגע פעסטונג, וועלכע איז געווען פולשטענדיג גרייט זיך אקעגענצושטעלען דעם שונא.

(פערטז. קומט).

מנחם ליפשיץ.

ווּלד איל מות?

(דעם קינד פון טויט.)

די צײַטונגען האבען אונז זונטאג געבראַכט א נייעס - פרעהליכע ידיעה פון ירושלים: אַז פרײַטאג צונאַכטס האָט א גרויס אַראבער אין א צאַהל פון בערך 100 מאַן [illegible] די יודישע מתפללים בײַם כותל-המערבי, געשלאָ-גען זיי און צוריסען זייערע סדורים און ספרים, [illegible] יודישע מתפללים און [illegible].

דער פּאָליציי-מעמבער, וואס געפונט זיך [illegible] בײַם כותל-המערבי איז געווען צו שוואַך זיך געגענצושטעלען דער גרוי-סער צאַהל אַראבער. די שטימונג אין ירושלים איז אַנ'אונגעהויער אויפגע-רעגטע".

די זי"א טעלעגראַמע האט געמאַכט דעם אײַנדרוק, אז דער איבפאַל איז גע-ווען אַנ'אונערוואַרטעטער. די רעגירונג האט געוואוסט אויף נישט געוואוסט און דערובער זענען דורך איהר נישט אָנ-גענומען געוואָרען די געהעריגע מיט-לען, וועלכע וואָלטען פערהיטען פאר דעם געפּלאַנטען איבפאַל. עס איז אבער געוועזען כאַראַקטעריסטיש וואס אין דער טעלעגראַמע ווערט אונז איבער-געגעבען, אַז דער איבפאַל האט נישט אַרויסגערופען אין ירושלים קיין גע-דריקטע שטימונג, ווי עס טרעפט בײַ אונז שטענדיג אין אזא פאַל, נאָר אַנ'-אונגעהויער אויפגערעגטע.

הײַנט האבען מיר שוין געניי'ערטע ידיעות פון ארץ-ישראל, וועלכע וואַר-פען אויף דער ירושלים'ער געשעהע-ניש א גאַנץ אנדער ליכט און מיר פערשטעהען שוין פאַרוואָס די שטי-מונג איז אַנ'אונגעהייער אויפגערעגטע. מיר דערוויסען זיך אַז עס זענען אין ירושלים פערשפרייט געוואָרען קלאַ-גען אז יודען גרייטען צו אויף תשעה-באב א אויפשטאַנד. די רעגירונג האט זיך צו דעם „אויפשטאַנד" צוגעגרייט מיט פּוליציי, וואס איז געווען בעוואַ-פענט וואָגאר מיט מאַשינען-געוועהר. פערשטעהט זיך אַז די קלאַנגען וועגען דעם אויפשטאַנד זענען געווען לחלוטין פאַלשע. עס האט זיך נאָר געהאַנדעלט וועגען א פּראָטעסט-מיטינג געגען דער פערשעהכונג פון דעם כותל המערבי, צוליעב דער בוזאונג האט קומט דערט פאר דורך די אראַבער מיט דער ער-לויבניש פון דער רעגירונג. די קלאַנ-גען וועגען געוועזען, ווי עס וועהט אוים פּראָפּאַצירענדע האט האבען צוגעגרייט דעם איבפאַל פון פרײַטאג - צונאַכטס.

אַפילו „די רעגירונג איז גע-ווען אינפאָרמירט, אז די אראַבער גרייטען זיך צו א [illegible]

ענגלאנד. די רעגירונג האט [illegible]

[illegible]

קאָמענדאַנט זאָל הײַבען [illegible]

שטעלט בײַם כותל-המערבי, אבער

[illegible] האט דער קאָמענדאַנט גע-

נעבען א שטרענגען בעפעהל, אז מען

זאָל קײנעם נישט מעלדען וועגען די

שטרענגע געשעהענישען האט גרייטען

זיך".

די האנדלונג איז אינגאַנצען אידענ-טיש מיט דער האנדלונג פון דער צאַ-רישער רעגירונג בעת די פּאָגראָמען אויף יודען אין רוסלאַנד. עס איז פון דעם גאַנץ קלאָר, אז די הויפּט בע-אַמטע פון דער ענגלישער רעגירונג אין ארץ-ישראל, וועלכע עס האט מאָ-לערירט דער „מנציב הראשון ליהודה", הערבערט סעמועל, זענען די זעלבע שונאי-ישראל און פיהרען אויך איצט, ווען אין לאָנדאָן הערשט א רעגירונג פון דער ליעבאָר פּאַרטיי, די זעלבע פּראָוואָקאַטאָרישע אַרבייט בנוגע אונז ווי דאַמאַלס.

עס איז מעהר ווי א השערה אז דער אומצײַטיגער איבפאַל אין ירושלים, די פּראָוואָקאַציע פון דער בעהערדע איז דער פועל-יוצא פון דעם, וואס עס איז פאָרגעקומען מיט א יאהר צוריק, בעת דעם פּולגאַנישען איבפאַל פון דער בריטישער פּאָליציי אויף די יודען מתפללים אין יום-כפור בײַם כותל-המערבי, וואס האט פאר די אנפאַלער אויף דער שטעל נישט געהאט קיין פאָלגען.

איך קען מיר נישט פאָרשטעלען, אז די בריטישע פּאָליציי וואָלט זיך אומעל-כעס ערלויבט בנוגע א קריסטליכע סעקטע און אויף א קריסטליך מקום קדוש און ווען יאָ, אַז די פּאָליצע וואָלט גלײַך נישט בעקומען די געהע-ריגע שטראָף אויפ'ן אָרט, פאר דעם דורך איהר בעגאַנגענעם פערברעכען. דערצו וואָלט זיך דאָך די וועלט אויך געשאָקעלט. די אַלע בעאַמטע, נישט נאָר די וואס וואָלטען נישט געהאָרען ברוך גם פון דעם אָרט פון פערברעכען, נאָר די אַלע, וואס וואָלטען נאָר גע-טראָגען די מינדעסטע פּאַראַלעלע פער-אַנטוואָרטליכקייט וואָלטען דאס ערש-טע געמוזט פערלאָזען ארץ-ישראל, אויסער דעם וואס זיי וואָלטען צוגעצווינגען געוואָרען צו פערענטוואָרטליכקייט און די בעלײַדיגטע קריסטליכע סעקטע וואָלט בעקומען די געהעריגע סאַטיס-פאַקציע.

בײַ אונז איז אבער געווען אנדערש, נישט נאָר וואס די באַלדיגע שטראָף איז נישט פאָרגעקומען איז דורך דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע נישט אויפ-געוואָרט געוואָרען דער דעת הקהל. די עקזעקוטיווע און לאָנדאָן האט זיך אויך דאַמאַלס געהאַלטען בײַ דעם, אז מ'דאַרף נישט ליאַרמען, מ'דאַרף רע-דען שטיל, געלאַסען, פאַלאַן-מענסיג. די האנדלונג האט געמוזט ברענגען דערצו, אז די ארץ - ישראל רעגירונג זאָל דערזעהען אז מיר זענען שוואַכ-מוטיג און אז בנוגע אונז קען זי זיך אלעס ערלויבען און זי ערלויבט זיך טאַקי אלעס.

בײַ די אַראַבער הײַנטער לעבט דאָ-ריבער ווידער אויף דער אַלטער בע-גריף וואס זיי האבען אמאָל געהאט וועגען אונז אז מיר זענען א „ולד איל מות", זיי ווערען דאריבער פון טאָג צו טאָג חוצפה'דיגער. זיי זעהען דאָך די בעציהונג פון דער רעגירונג צו אונז.

די רעגירונג פּראָטעקטירט אונז ווידער ווי א שוואַכענדע, שטומע משערעדע, וואס גיט נישט קיין ווידערשטאַנד, וואס פּאָדערט גאָרנישט, פערטײַדיגט זיך נישט, וואס איז אלעס מקבל מיט א צדוק הדין.

ווען די אַראַבער קלאָר הערען, אז מיר זענען נישט קיין ולד איל מות, וואס וועט מוזען געשעהן, וועט די רע-גירונג זיך אויך אנדערש בעציהען, מען רעכענט זיך דאָך מיט מענשען וועלכע פערטײַדיגען זיך געהעריג, וועלכע האָ-בען פערלאַנגען.

דאס וואס אונזערע פיהרער האבען פאר א יאהר צוריק געשוויגען, נישט געמאַכט דעם גרויסען רעש אויף דער וועלט, האט אונז געבראַכט צו דעם איצטיגען געשעהעניש, מיר וועלען דער פאר צאָהלען, די שולד וועלען טראָגען די, וואס האבען דאַמאַלס געשוויגען, די אנפאַלענדע אַראַבער וועלען זיך אבער איבערצײַגען, אז מיר זענען נישט קיין „ולד איל מות"!

א שפּאַציר איבער די יודישע געזעלשאַפטען און אינסטיטוציעס.

III

„הכנסת אורחים".

אין יאהר 1874, ד. ה. מיט אַנ'ערך פון 55 יאהר צוריק, האבען דרײַ משענסטאָכאָווער בעלי-בתים ר' איטשע ראָטהעלץ (פערפער), דער אַלטער חזן רפאל יעסף לאַנצבערג און ישעיהו גאָלדבערג (א בעקער, אַלע שוין אויף דעם עולם האמת) געגרינדעט א חברה א. נ. הכנסת אורחים, וואו זיי האבען אײַנגעאָרדנעט א מנין, אַרײַנגעשטעלט א צחת? דרײַ בעטלעך פאר עוברי-דרך.

דער הכנסת אורחים האט זיך גע-פונען אויף גאַרנצאַרסקאַ 7, געגענאי-בער דער האַנדווערקער - שולע, דאס איז געווען א אַזוי-גערופענער הקדש. מיטגליעדער - בײַטראַג האט געקאָסט 3 גראָשען א חודש.

עטליכע יאהר שפּעטער, מיט א ערך 40 יאהר צוריק האט זיך דאס מנין איבערגעצויגען אויף טעאַטראַלנאַ 9 צו ר' יצחק געלד („על-ומטר" האט מען איהם גערופען) וואו עס איז געווען 2 צימערען אײַנס פאר א מנין און אײַן צימער מיט 4 בעטלעך פאר די אור-חים, זיי האבען שוין דאַן געשריבען א ספר און די חברה האט זיך פער-גרעסערט.

די 4 בעטען זענען געווען פערזע-הען מיט שטרויענע קישעלעך, אבער ווען מען האט געזעהען א אורח.

עטליכע יאהר שפּעטער האט די חברה געהאַט אײַנגעשטעלט א סומע פון 600 רובל (א קלאַפּטעלע סומע פאר יענער צײַט). זיי האבען אבער געזאַלט, אז דאס געלד זאָל נישט פערנוצט ווערען אויף בראַנגען מיט הענ[ג] - קוכען, האבען זיי בעשלאָסען אָנצוקויפען דאס געלד דעם מחזיקי הדת, וועלכער האט צו יענער צײַט געקויפט דעם פּלאַץ אויף נאַדרזעטשנע 50 און צמישען זיך געמאַכט א כתב אז פאר די פּראָצענטער פון געלד זאָל זײַ דער מחזיקי הדת געבען צוויי שטו-בען אין פּראָנט פון דער אַלטער גע-בײַדע אויף א הכנסת אורחים און 2 שטובען אין דער נײַ-אויפגעשטעלטער געבײַדע פאר א מנין. אויפ'ן היפּאָטעק האבען זיי נישט געקענט לאַקירען דאס געלד, מחמת דעם וואס דער הכנסת אורחים איז צו יענער צײַט נאָכנישט געווען לעגאַליזירט.

אין א קורצע צײַט שפּעטער האט די פערוואַלטונג פון מחזיקי הדת חרמה בעקומען אויף דעם אָבמאַך, ווײַל זיי האבען געדאַרפט די שטובען פאר זיך און האט געמאַכט א חלכה למעשה, זײַ האבען די ספרי תורה'ס אַראָבגע-שטעלט אין בית-המדרש פון מחזיקי הדת און דאס מנין פערשלאָסען אזוי אז דאס מנין פון הכנסת אורחים האט זיך אויפגעלעזט און א פּלאַץ האט צו דאַוונען און האבען זיך איבערגע-טראָגען אויפ'ן אַלטען מאַרק 16. די 2 שטיבלעך מיט די 4 בעטען זענען ווײַטער געבליבען אויפ'ן פורינגען אָרט אין דער אַלטער געבײַדע פון מחזיקי הדת.

ערגרט 1911 האבען עטליכע מיט-גלידער, ווי ר' נתן געריכטער, ר' יצחק מענדיל עפּשטײַן, הענאָך לאַפּידעס, אוטשע פּערפער און יוסף סילמאַן בע-שלאָסען צו קויפען א פּלאַץ כדי אויפ-צושטעלען אַנ'אײַגענע געבײַדע פאר הכנסת אורחים. קודם כל האבען זײַ געלאָזט די געזעלשאַפט לעגאַליזירען, דאַן האבען זײַ געקויפט דעם פּלאַץ אויף גאַרנצאַרסקאַ 65, וואו עס איז אויך געשטאַנען אַנ'אַלטע געבײַדע.

פון מחזיקי הדת איז זײַ געלונגען נאָך צוריק צו בעקומען 200 רובעל, די איבריגע 400 רובעל זענען געבלי-בען עד ביאת המשיח, זײַ האבען אויך פעראינטערעסירט דעם בעוואוסטען נדבן ה' הענריק מאַרקוסעלד, וועל-כער האט געשענקט א גרויסע סומע פאר דעם צוועק.

די איניציאַטאָרען זענען צוגעטרע-טען בויען כמעט חן מיט לעדיגע הענד און נאָר א דאַנק דעם ענערגי-שען הילפען פון די אויבענדערמאָנטע בעל-טובה'ער האבען זײַ געהאַט צו אזא גרויסע אונטערנעהמונג.

אין 1913 איז געלעגט געוואָרען דער גרונדשטײַן פאר דעם בנין און עס איז א קאָפּיע פון דעם אויפשריפט אויף א פּערמעט, וואס איז אין א פלאַש אַרונטערגעלעגט געוואָרען אונ-טער'ן ערשטען שטײַן.

בחמישי בשבת, ל"ג בעומר בשמונת עשר יום לירח אייר שנת חמשת אלפים ושבעים ושלושה לבריאת עולם התאספו חברי הועד של החברת הכנסת אור-חים בפה משענסטחוב הלא המה ראש החברה ר' נתן גערוכטער ואנשי הועד ר' אבּיהם אלעזר שענפעלר, יוסף סיל-מאַן, גאָדיל חײַנבערג, העניך לפּידות, דובער גערשנוויץ, מנחם מענדיל עפּ-שטײַן יצחק ראָטהעלץ ובמעמד רב העיר הגאון מו"ה נחום אש שליט"א וראשי הקהל האדונים צבי הירש מאר-קוסעלד, מאיר העניג, והרבה מנכבדי העיר, הונחה אבן הפנה ליסוד בנין בית הכנסת אורחים הנבנה בנדבת הנגיד הגדול מר הענריק מארקוסעלד ובהשתדלית והוצאות החברה והועתקו למשמרת לזכרון לדורות, והנאספים באו על החתום.

אין יאהר 1914 איז אויפגעשטעלט געוואָרען דאס הויז, וואס איז בעשטאַ-נען פון אַנ'אײַנשטאָקיגע געבײַדע.

אויף ווי חײַם עס האט נישט גע-קלעקט קײַן געלד צום בויען קען דו-גען דער פאַקט, אז פאר מויערען דאס הויז איז נישט געווען קײַן געלד צו בעצאָהלען און דער אונטערנעמער ה' גאָטפרײַד? איז ארויף אויפ'ן היפּאָ-טעק אויף דער סומע פון 860 רובעל, וועלכע זענען ערשט שפּעטער בע-צאָהלט געוואָרען און הײַנט איז די געזעלשאַפט נאָך שולדיג די סומע פון 1500 רובל אויפ'ן היפּאָטעק.

די געבײַדע בעשטעהט פון 12 צי-מערן, דאָרט געפינט זיך אויך דאס מנין פון הכנסת אורחים, א חדר פון „תלמוד תורה העזרוני", א חורפּע-ווײל און א סעקרעטאַריאַט.

בעלד ווי די אינסטיטוציע האט אַנ-

אָסטראָוו.

III

אין מײַן פריערדיגען בריעף האב איך געשריבען אז איך וועל איצט שרײַבען וועגען דעם יודישען לעבען אין אָסטראָוו. ווײַל בשעת איך האב געשריבען האט מען געקענט מײַנען אז ס'וועט זײַן צו שרײַבען ספּעציעל וועגען יודישע ענינים.

דאַמאָלס האט מען שטאַרק גערערט וועגען אײַנצופירען אין אָסטראָוו א „עונג שבת". די איניציאַטאָרען האבען מיר ערקלערט אַז דאס איז שוין א בעשלאָ-סענע זאַך, און געוואָלט האט דאס וועלען דא אײַנגעפיהרט גראָד דורך די עטליכע ציונים וואס זיצען דאָ. חײַנט אויס אז זיי האבען זיך געשאַלט פער-מעסטען מיט'ן „מזרח" וועלכער האט אין דער שטאָדט אײַנגעפיהרט א „עונג שבת", און וועלכער האט נאָר אויסגעהאַלטען עטליכע שבתים, טראָץ דעם וואס פיעל יודען זענען געקומען אויף דעם „עונג שבת" און ער וואָלט געקענט האבען דעם גרעסטען ער-פאָלג.

אבער פון דעם הײַנטיגען „עונג שבת" האט זיך גאָרנישט אָנגעהויבען, און עס איז גאַנץ א שאָד, ווײַל ס'איז פון גלויבען צו דער „עונג שבת" וואָלט זיך אין אָסטראָוו זעהר גוט אײַנגעגעבען, און עס זענען פערהאַנען די נויטיגע קרעפטען דערצו אויך, און קיין אָרט וואָלט אויך נישט געפעהלט, ווײַל מען וואָלט דאס געקענט אײַנאָרדענען נאָר פּשוט אין תאלה, אזוי גוט ווי מען דאַווענט

יעדען טאָג מנחה בציבור אין תאלה, און עס טרעפט גאַנץ אָפט אז ווען עס געהן פערבײַ עטליכע יודען וואס האָ-בען שוין לאַנג נישט געדאַווענט קיין מנחה הערען זיי אויך מיטנעפּאַסט, און מוזען מיטזאָגען א „קדושה" און די וואס געהן אַהין הײַלען בעהאַלטען זיך אונטער א בוים.

דערפאַר ווערט איהר איז דאָ פער-האַנען דער „עונג זונטאָג" אויף נאָר א גרויסען מאַסשטאַב, זונטאָג בעקומט אָסטראָוו נאָר א אַנדער אויסזעהן, אַפּט אז אין אָסטראָוו איז חצי-יאהר איבער-הויפּט זעהר התפלה, און אויב מען האט אין אַנהויב געקענט מײַנען אז דעם היטיגען וועט גאָרנישט זײַן אזוי גרויס. זענען אבער געקומען די לעצטע הײַ-סע טעג, און האבען צוגעהאָלפען אז ס'זאָלען קומען האט מעהר מענשען און אלעס איז בעזעצט, אזוי אַז אלע פלאַץ איז דער וואַלד איבערפולט מיט מענשען, און געסט האט קומען בעווי-כען די „לעטניקעס", און לאַנגע א סך פּשוט פריישע וואַלד-לופט.

דעם שבת דערקענט מען הײַנט, אַז-ערהויפּט פרײַטאג פאַרנאַכט בײַם לעצטען צוג, וואָרום אויב בײַ יעדען אָנקומענדען צוג פון משענסטאָכאָוו איז בײַ דער באַהן - סטאַציע פערהאַנען א גענוג גרויסער עולם, האט קומט אָב-וואַרטען די געסט, אָדער סתם אזוי צו זעהען ווער עס קומט אָן, און ווער ס'פאָהרט אוועק, איז אבער פרײַטאג בײַם לעצטען צוג בלײַבט כמעט קיינער נישט אין דערהיים, אלע קומען צו דער סטאַציע. ווײַל אויסער די וואס קומען יעדען טאָג איז פערהאַן פון די הײַנטיגע „אײַנוואוינער" א גרויסער עולם וואס קומט בלויז אויף שבת.

און בײַ דעם דאָזיגען צוג קומען פאר וועלכע געשרײַען און אומרוהען, אז עס פערהילכט די גאַנצע סביבה, און ס'טרעפט אמאָל אז א גוי פאָהרט מיט דעם זעלבען צוג און ס'קומט איהם גראָד אויס אויסצושטײַגען אין אָסטראָוו, ווייסט ער גאָרנישט וואס דאָ קומט פאָר.

פאַראַכטענען פרײַטאָג איז מיט דעם זעלבען צוג אָנגעקומען צו פאָהרען א גלח, גראָד א דיקער, פעטער און הויכער פאַרשוין, איך בין געשטאַנען אויפ'ן פּעראָן ווען דער צוג איז אָנגע-קומען און די אַנטאָרטענדע וועלען מיט הילכיגע געשרײַען צונעפאַלען צו זייערע געסט. עס האט זיך געבילדעט אײַן גרויס רעש, און דער גלח איז געבליבען שטעהן, נישט אהין און נישט אהער. איך האב געזעהען אז דער מענש קען עפּיס גאָרנישט פער-שטעהן וואס דאָ קומט פאָר, א בעל-גוף איז ער געווען און ס'איז איהם נישט אזוי לײַכט געווען זיך צו בעווע-גען, דאָרובער איז ער פונקטליך געהאַלטען פּונקט דער מאַסע צווישען וועל-כער ער האט זיך עטליכע מינוט גע-האַלטען ביז ער איז בשלום אַרויס. אַנטוישענדיג זיך דעם שחיים נאָך דער שוערער אַרבײַט, און דער גלח האט געמיינט בײַ זיך געטראַכט אז ער איז עפּ"י טעות אַרײַנגעפאַלען אין תל-אביב אָדער א אַנדערען יודישען ישוב אין ארץ-ישראל.

אבער צו זונטאָג קומט דאס אלץ נישט, זונטאָג איז דאָ די אמת'ע שמחה און די דאָזיגע שמחה הויבט זיך אָן נאָך שבת נאָכמיטאָג, ווען די געסט הויבען אָן צו קומען אויף זונטאָג.

זונטאָג דעם גאַנצען טאָג, איבער-הויפּט די לעצטע זונטאָג'ס האט זיך גען גראָד געזען טערעסע און שעהנע פּאַר קאָכט זיך ווי אין א קעסיל, יע-דער צוג ברענגט מאַסען געסט און הינטער די באַהן - צוגען קומען אויטאָ'ס, אויטאָבוסען, און פּריוואַטע דראָשקעס מיט וועגען, וועלכע ברענגען פיעל מענשען, עס קומען אויך פיעל קראַנ-קע ווײַל יעדען זונטאָג קומט פאר אין וואַלד א „זאַבאַווע", אבער די קריסטען ווערען נאָר אין וואַלד, ראַ-נגען צווישען די ווילדס, איבערהויפּט בײַ „רײַכער'ן" זעהט מען נאָר אחינו בני ישראל.

דאָרט אין רײַכער'ס פּענסיאָנאַט איז דאָך דער וואַלד-פּונקט וואו עס וועס-לען זיך צוגריפ די פּראָפעסיאָנישע געסט, ווי דאָקטוירים, אינזשיניערען ופרופסה, און אז מען איז דאָרט וועהר מיינט פון א יודיש אָרט דאס איז דאָך א בעזאָנדערע זאַך, טראָץ דעם האט א גוי זעהט מען דאָרט וועלטען אמאָל, בעמיהט מען זיך צו בעווײַטיגען און צו טאַדלען אלעס וואס קען חלילה אַרויסרופען א מײנונג אז דער אײַגענ-טימער איז א יוד.

פערגאַנגענעם זונטאָג איז בשעת חרות, פון טיסען דעם גרעסטען עונג וואָלט געקומען צו א שטיקעל קורצע מחלוקה, וועלכע איז פאָרגעקומען צוליב דעם וואס דער נעע. היגער אײַנוואוינער ה' אושר וועלכער וואוינט אין ארץ-ישראל און איז געקומען אהער אויף א פאָר מאָנאַטען צו זײַן פאַמיליע, און איצט וואוינט ער זײַט עטליכע וואָכען בײַ רײַכער'ן און פּענסיאָנאַט, האט ה' אושר מיט זײַנע עטליכע געסט אָנגע-הויבען זינגען עטליכע העברעאישע ארץ-ישראל לידער, און דאס האט נישט געקענט פערגעסען דער שכן אויף דער צווייטער וועראַנדע ה' רײַצער, וועל-כער האט גענומען שרײַען „צאַ ספּ וואַ מענאַזשעריע" (מען זאָגט אפילו אז אויך דער היגער יודישער רעדאַקטאָר ה' פּרץ, וועלכער האט זיך גראָד געפונען צו גאַסט אויף א דערנעבענער וועראַנ-דע, זאָל זיך אויך האבען אויסגעדריקט אז ה' אושר מאַכט געמיס א „מלוות מלכה"... אבער איך האב דאס נישט געהערט און מיט גישט צו ס'איז אמת) און מ'וואָלט געוויס געקענט קומען צו א גרויסער מחלוקה, וואָרום ה' אושר וועלכער איז זינט יאהרען א פּרעזער בירגער אין תל-אביב, האט נישט ליעב זיך צו לאָזען באַלײַדיגען און קאָנען טראָגן און איהם שטערען די פרײַהייט — אבער ס'איז אדורך שטיל.

אזוי איז דאס, צו ספּעציעלען עפענ-טליכען „עונג שבת" האט מען דאָ אין אָסטראָוו נישט דערגרייכט, דאַנקענען דעם „עונג זונטאָג" פיהלט זיך אָבערפּאַל און מאַכט דאָ א גענוג שטאַרקען רעש.

אקף.

געהויבען איהר מעטינקעס און אויסגעבראכען די וועלט-מלחמה און די דייטשע אקופאנטען האבען עס צוגענומען אלס רעקוויזיציע-ארט. ערשט אין יאהר 1918, ווען די דייטשען האבען פערלאזט פוילען, האבען די פיהרער זיך גענומען צו דער ווייטערער מעטינקעס.

פאקטיש זענען געבליבען 4 לעדיגע ווענד. עס זענען געווען עטליכע לעדיגע יארען, נאר א דאנק דער ענערגישקייט פון דער פערוואלטונג מיט ה' יצחק מענדיל עפשטיין, וועלכער האט געווידמעט זיין גאנצע ענערגיע און קראפט פאר דער אינסטיטוציע מיט דער מיטהילף פון די ה"ה הענעך לעווידות און יצחק רעטהעלץ איז די אינסטיטוציע צוגעבראכט געווארען צו דעם היינטיגען גלענצענדען צושטאנד.

אויך האט א לענגערע צייט מיטגעארבעט פאר דער אינסטיטוציע ה' ש. ניעמירעווסקי, וועלכער איז לעצטענ'ס אויסגעוועהלט געווארען אלס עהרען-פרעזעס.

ווען מען בעזוכט היינט דעם הכנסת אורחים זעהט ער אויס ווי א פרעכטיגער האטעל. עס זענען פערהאן 40 בעטען. אלץ איז ריין, ציכטיג, אלץ בלאנקט, שניי-ווייסע לייכטער וואטענע קאלדרעס, ריינע איבערציהונגען אויף ווינטער און לייכטע קאלדרעס אויף זומער, די קישענס זענען פון פוך אדער פעדערן.

יעדער אורח מוז בעזיצען א פאס און האט דאס רעכט צו נעכטיגען 3 נעכט און ערשט נאך 2 חדשים האט ער דאס רעכט צו קומען נאכאמאל. געוועהנליך ווערען אויך געמאכט אויסנאהמען.

ווינטער בעקומט יעדער אורח א גלאז טיי מיט צוקער און א שטיקעל ברויט.

יעדען חודש איז אנ'אנדערער פערוואלטונגס-מיטגליד דוושורנע, וועלכער גיט אכטונג אויף דער ארדנונג. יעדען וואכענד בעזוכט דער פרעזעס ה' יצחק מענדיל עפשטיין די אינסטיטוציע, וואו ער קוקט זיך ארום צי אלץ איז אין ארדנונג.

און די ווענד זענען אויך אויסגעקריצט פערשידענע אנדענקונגס-טאפלען פון פערשידענע מנדבים. אויך איז איין ספעציעלער זאל אנגערופען געווארען אויפ'ן נאמען פון פערשטארבענעם מיטגליד און געוועזענעם פרעזעס ר' נתן גרונבערג ע"ה.

עס איז פערהאן א ספעציעלע אבטיילונג פאר מענער און פרויען.

די געזעלשאפט האט נאך בדעה איינצופירען וואנעס צום באדען און א פרישונג, אזוי אז יעדער אורח זאל פאר'ן שלאפען געהן זיך אויסבאדען און אנטהון ריינע וועש.

די געזעלשאפט צעהלט אנ'ערך פון 4 הונדערט מיטגלידער.

די געזעלשאפט בעקומט א סובסידיום פון מאגיסטראט אין דער גרויס פון 1500 גילדען, דאס איז דאס ערשטע מאל וואס זיי בעקומען סובסידיום, פון דער קהלה נעמען זיי אינגאנצען נישט קיין סובסידיום.

לעצטענ'ס האט די אינסטיטוציע בעזוכט דער רעפערענט פאר יודישע ענינים ביים מאגיסטראט ה' גרוגעשינסקי, וועלכער איז געווען ענטציקט פון דער מוסטערהאפטער ארדנונג, וואס עס פיהרט די געזעלשאפט הכנסת אורחים.

דער ים - המלח.

פון מנשה אונגער (תל אביב.)

אין דרום-זייט פון ארץ-ישראל געפינט זיך א וואונדערבארער ים-בעקען, וואס ווערט אנגערופען ים-המלח.

דער ים-בעקען ווערט אנגערופען מיט פערשידענע נעמען. וואס יעדער נאמען וויל בעצייכענען דעם כאראקטער פונ'ם ים: ער ווערט אנגערופען „ים - הקדמוני" ווייל ער געפינט זיך אין מזרח-זייט פון די בערג פון יהודה. „ים-המלח", צוליב די גרויסע אוצרות פון אספאלט, וואס ער פערמאגט. די אראבער רופען איהם „דער טויטער ים", ווייל אין איהם געפינט זיך נישט קיין שום לעבעדיג בעשעפעניש. און תנ"ך ווערט ער אויך אנגערופען „ים הערבה". מען רופט איהם אויך „ים סדום", אויף דעם נאמען פון דער שטאדט סדום, וואס האט זיך אמאל ביי זיין ברעג געפינען.

אין דער תורה ווערט גענוי געשילדערט די מורא'דיגע קאטאסטראפע, וואס סדום האט דורכגעמאכט. אברהם אבינו בעט זיך רחמים ביי גאט, ער זאל נישט אומברענגען די שטאדט, אבער אז גאט זאגט איהם נור, אז קיין צעהן צדיקים אפילו געפינען זיך נישט אין דער שטאדט קאן שוין אברהם פאר זיי מעהר נישט בעטען. „און גאט מאכט רעגענען אויף סדום און עמורה פייער מיט שוועבעל און פייער"... און אלע שטעדט זענען פערניכטעט געווארען.

צווישען די פערשידענע בעשרייבונגען פון ים-המלח איז זעהר וויכטיג די שילדערונג פון יוסף פלאוויוס (מלחמת היהודים ד' ח' ד'), וואו עס איז זעהר גענוי בעשריבען די אלע מינעראלען וואס דער ים-המלח פערמאגט. ער דערצעהלט אונז, אז שוין דאמאלס האט מען זיך בענוצט מיט'ן אספאלט פון ים-המלח, ווי אויך מיט אנדערע מינעראלען פאר פערשידענע רפואות.

כמעט היינט איז די גאנצע געגענד שרעקליך וויסט, און דאך אמאל דארט געווען א ישוב, ווי עס זאגען עדות דער פסוק „עין גדי", און נאך פערשידענע פונקטען, פון וועלכע עס זענען נור חורבות פערבליבען.

דער קליינער ישוב איז געשטאנען אין פערבינדונג מיט דער אויסערליכער וועלט. אין צווייטען און דריטען יאהרהונדערט פון דער אלגעמיינער צייטרעכנונג איז דארט געווען דער מסחר צווישען ארץ-ישראל און אילת. דורכ'ן ים-המלח פלעגט מען פיהרען אין קליינע שיפלעך תבואה און גרונס, אזוי ווי מען קאן זעהן פון דער בעהאוסטער מאפע פון „מידבא".

די אונטערעקאנטע מאפע האט מען געפונען אין יאהר 1896 אויף א מאזאיק-באדען און א שטאל פון מידבא, וואס אויף איהר ארט שטעהט איצט א קריסטליכע קירכע. די מאפע איז פון פיערטען אדער פינפטען יאהרהונדערט, זי צייכענט אן גענוי אלע שטעדט און דערפער פון ארץ-ישראל, איהרע וואסערן און טאלען, און אויפ'ן ים-המלח זענען אנגעצייכענט צוויי שיפלעך מיט זאלץ און תבואה, און צוויי פעסטרעווען געבען זיך סימנים איינער צום צווייטען.

פון דער מאפע לערנען מיר, אז די געגענד איז דאמאלס נישט געווען אזוי וויסט ווי היינט. אויך לויט'ן עדות פון פלאוויוס זענען הונדערטער יודישע זעגלען געשוואומען אויף דעם ים-המלח. נאך אין יאהר 1451, אין דער צייט פון די קרייץ-ציגע, געפונען מיר, אז מען האט געגעבען אנ'ערלויבניש דעם שפיטאל פון ירושלים אדורכצופאהרען דעם ים נישט געשטערט און איבערצופיהרען אלערליי סחורות נישט בעצאהלענדיג קיין שום אבצאהלען.

נור צום סוף פונ'ם צוועלפטען יאהרהונדערט איז אלץ חרוב ונחרב געווארען דורך דער אראבישער רעגירונג אזוי, אז עס איז היינט כמעט קיין שום לעבעדיגער זכר פון א ישוב דארט נישט געבליבען.

און משך פון דער צייט האט זיך א לעגענדע געשאפען, אז ווער עס שיפט זיך אדורך דעם ים-המלח, ווער געהט ארום אין זיין סביבה, דער שטעלט זיין לעבען אין סכנה, אזוי ארום איז אלץ געבליבען פאר אונז איינגעהילט אין א סוד.

עס זענען אין פערשידענע צייטען געמאכט געווארען פערשידענע אויספארשונגען איבער'ן ים-המלח, אבער קיין גרויסע רעזולטאטען האבען זיי נישט געבראכט.

א געפעהרליכע נאטור-ערשיינונג איז דער ים-המלח. אכט הונדערט מעטער ליגט ער נידריגער פונ'ם ים-שפיגעל. טויזענדער יאהרען שפייזט איהם דער ירדן מיט וואסער, יעדען טאג גיסט ער אין איהם אריין אלס מיליאן קוביק-מעטער. ווען נישט דער ירדן וואלט ער שוין זיכער געווען אויסגעטריקענט פון דער גרויסער היץ, וואס הערשט אין יענער געגענד.

בעהאלטען איז דער ים צווישען העלווען-בערג, וואס ציהען זיך פון ירוחו, און תמיד דרימלט ער אין א לייכטען חלום. ארום די זאמדיגע בערג שטעלט דאס אויג שלעסער און פערשידענע טויערען, וואס דער ווינד האט אויסגעפארעמט פון די וועלצינגע לופט-צופרעסענע בערג, און וויל מען א פוס אין א בארג ארייננשטעלען, ווערט מען פערזינקען אין זאמדיגען צופרעסענעם בארג. א מאל און מעת-לעת טוישט דער ים זיינע פארבען. פארמיטאג גלאנצט ער ווי שפאל, מיטאג-צייט איז ער איינגעהילט אין א דינעם שלייער, וועלכער פערשטעלט די טרויעריגע פעלזיגע בערג. צום הערליכסטען איז ער אין א פולער לבנה-נאכט, ווען זילבערנע לאנגע פעדים פערשפינען זיך אין אנ'אייביגען חלום פון דער סודות-פולער נאטור.

דערצו דערצעהלט דער ים נאך עלטע לעגענדעס פון אור-עלטערן. אט איז דער „הר סדום" וואס איז אינגאנצען פון זאלץ. קעהרט אום דאס אויג, האט מען דעם זאלצינען פעלז, וואס רופט זיך „לוט'ס ווייב", ווענדעט מען זיך ווייטער האט מען דעם „נחל נמרים" וואס פון דארט האבען די ענגלענדער גענומען דעם אספאלט אויף איינצובאלזאמירען וועלכע מומיעס און אז מען לאזט זיך ווייטער, קומט מען צו דער פעסטונג „מסדה", דא מוז מען די שיך פון די פיס אראפצווארפען ווייל דאס ארט איז הייליג. א פעסטונג האט יוחנן כהן גדול דארט געגען די רוימער געבויט און דער קעניג הורדוס האט די פעסטונג פערגרעסערט מיט א מויער און אויפ'ן שפיץ בארג האט ער פערפלאנצט א וואלד. און אין דער פעסטונג האבען געזוכט שוץ די לעצטע קנאים פון אונזערע קעמפער פאר דער פרייהייט פונ'ם יודישען פאלק, מיט זייער אנפיהרער אליעזר בן חנניה.

און דער רוימישער פעלד-מארשאל סילווא איז ארויס מיט זיין ארמעע מיט זיי מלחמה צו האלטען. שווער איז געווען די שלאכט, הונדערטער זענען פון די רוימער געפאלען, אבער די רוימער האבען אונטערגעצינדען די הילצערנע מויער. דאמאלס האט דער פיהרער אליעזר זיך געווענדעט צום לעצטען מאל צו די יודישע גבורים: „גאט האט מיט אונז געטהון א חסד וואס ער האט אונז אויסגעקליבען צו זיין די לעצטע פון די יודישע גבורים. צו וועלען מיר זיך איבערגעבען לעבעדיגערהייט אין די הענד פון שונא ער זאל זיך מיט אונז רעכענען? לאמיר בעסער שטארבען פאר אונזער נאמען און אונזער לאנד און פרייהייט".

האבען די העלדען געכאפט זייערע ווייבער און קינדער, זיי געקישט און געהאלזט, און יעדער האט זיך אוועקגעלעגט ביי זיין פאמיליע, ביז דער צעהנטער האט איהם אויך געשאכטען, און דער לעצטער פון די גבורים האט זיך אליין ארייננגעשטאכען א שווערד אין הארץ און געפאלען א טויטער.

און די רוימער זענען אריין אין דער פעסטונג. אבער פארהאט טויט שטילקייט! וואו זענען די יודישע קעמפער? אלץ האט זיך אליין געשאכטען, כדי נישט ארייננצופאלען אין די רוימישע הענד.

שטיל, מיט א געבויגענעם קאפ האב איך פערלאזט די פעסטונג „מסדה" אונזער לעצטער „ברית דמים" מיט דעם פרייען ארץ-ישראל.

טויט איז אלץ ארום און וואס איז עפיס אנ'אפקלאנג פון א נגון פערהאן? פון האנגען קומט דאס קול:

„בדם ואש יהודה נפל"..

ווער זינגט דאס? זענען נאך די יודישע קנאים אין די שפאלטען פון די פעלזען פערבליבען? און וואס איז דאס פייער וואס ברענט דארט ברעגען נאך די יודישע פעסטונגען?

און דאס פייער מיט'ן געזאנג האבען מיך אהינגעצויגען צו זיי. און א באראק האב איך געטראפען צוויי יודישע בחורים זיצען און זינגען ארום א פייער.

זיי זענען די איינציגע ארבייטער דערווייל פון נאוואמייסקיס אונטערנעהמונג.

טויט איז נאך היינט ארום ים-המלח אבער יודישע גרויסע גייסטער האבען זיך אונטערגענומען איהם אויפצולעבען.

די געהאלטענע אוצרות פון מינעראלען וויל מען פון איהם ארויסנעמען. דער יודישער קאפיטאל צוזאמען מיט דעם יודישען גייסט וועט דא אונזער בעהייפען און אויך ביי דער עס געהאלטענער אונטערנעהמונג בעטייליגט זיך נאציאנאלער קאפיטאל. אויך דא האט דער קרן-היסוד גרויסע סומען געלד און ער האט ערמעגליכט דעם אנזאג פונ'ם גרויסען אונטערנעהמונג.

און אין א צייט ארום וועלען טויזענדער יודישע ארבייטער דא זיין בעשעפטיגט ביי דער ארבייט.

און דאמאלס וועט דער ים המלח שוין נישט מעהר הייסען דער „טויטער ים", נור „ים התחיה", דער ים פון אוצרות און לעבען...

מיט אנ'אויספלוג קיין אמסטוב.

די געזעלשאפט פאר לאנדוויסענשאפט מאכט כסדר יעדען זונטאג, איהרע אויספלוגען און פון וואך צו וואך געפינען זיך אלץ מעהר מיטגלידער.

נישט קוקענדיג דעריף, וואס אנ'ערך 33 מיטגלידער זענען יענע וואך אבגעפאהרען קיין פויזען איז דאך פערגאנגענעם זונטאג פארגעקומען א אויספלוג קיין אמסטאוו, אין וועלכען עס האבען אנטייל גענומען העכער 80 פערזאן, מיט די מיטגלידער פון יודישען טורן און ספארט פעראיין און זייער ארקעסטער.

פונקט האלב 9 אינדערפריה האט דער ארקעסטער פון יוד. טורן און ספארט פעראיין מארשירט איבער די גאסען פראגע, נייער מארק און ווארשאווער ביז צו דער בריק וואו עס האבען געווארט די אויטאבוסען.

אנקומענדיג קיין אמסטאוו האבען מיר דורכמארשירט די שטעדט, דער ארקעסטער האט געשפילט און דאס גאנצע שטעדטעל יודען און קריסטען זענען זיך צוזאמענגעלאפען.

אין וואלד וואס שטעהט אויף א בארג האבען מיר גערוהט עטליכע שעה מחמת די היץ איז געווען זעהר גרויס, ערשט ארום צוויי אזייגער זענען מיר אוועק בעטראכטען די געגענד פון אמסטאוו.

אמסטאוו ליגט אין א טאל און ארום ווענען פערהאן בערגער, איבערהויפט צייכענען זיך אויס די בערגער וועלכע ליגען אויף מזרח זייט פון שטעדטיל, און אמסטאוו האט געשפילט א גרויסע ראלע בעת די וועלט-מלחמה, וואו עס זענען פארגעקומען די קאמפען צווישען רוסישען און דייטשען פילוטער.

צווישען אמסטאוו און די בערגער פליסט דורך די ווארטא וועלכע פערמאגט עטליכע וואסער-קוואלען.

אויף די בערגער געפינען זיך אלט צייכענען פון דער לעצטער מלחמה, ברודער קברים פון דייטשע און רוסישע סאלדאטען, פאר'ן איינגאנג הענגט א אויפשריפט „פו עס איז נישט דערלויבט ארייננצוגעהן".

אזוי זענען פון אלע זייטען בערגער און בערגער, זיי האבען אבער נישט קיין חוכמה'דיגע בעדייטונג אויסער איין סקאלע, וועלכע שטעהט נאהנט ביים טייך, פון וועלכע מען דערצעהלט פאלגענדע לעגענדע:

אמאל האט א מוטער געשיקט די טאכטער צום טייך נאך וואסער, די טאכטער האט זיך אבער געזוימט צו לאנג, און ווען די מוטער איז געגאנגען זעהן פארוואס די טאכטער ווייזט זיך אזוי לאנג, האט זי געטראפען די טאכטער שטעהן מיט א בחור ראמאנסירען, די מוטער האט אויסגערופען: איינגעזונקען זאלט איהר ווערען, און

(סוף — 5 ווים).

וואס געהערט וואס געזעהען

פאר טעלטען שוין נאכ'ן חורבן (כ'מיין נישט נאכ'ן היינטיגען חורבן, וועלכער האלט אפך לענגער פון 3 וואכען, עס איז שוין נאך שבת נחמו און פונדעסטוועגען קען איך נאך נישט שרייבען וועגען די טרייסט-טעג, נאר פשוט דעריבער ווייל מיין שופלאד איז פול מיט בריוו און נאטיצען, וואס איך האב פערצייכענט וועגען די חורבנות וואס זענען פארגעקומען אין טאג פון תשעה באב. ווען די יודען, וועלכע זענען זיך צוזאמענגעקומען זאגען קינות האבען זיי זיך צושלאגען ביז בלוט. דאס זענען די אזוי-גערופענע

נאכוועהענישען פון חורבן.

עס איז איינגעפאלען צו חוסען וואס די דאווענע יודען טראכטען זיך בעת זיי געהען צו קינות, צי דארף מאקי דער היינטיגער אנדענקונגס-טאג פון חורבן פון דער ווארשער אומה, פערוואנדעלט ווערען און חוסט געשלאגען אזוי ווי שיכור'ע פויערים.

מען האט אמאל געפרעגט א פויער ווי אזוי ער האט זיך געהאלטען אויף דער חתונה וואו ער איז געווען א מחותן, האט ער געענטפערט: נישט גוט. אז מען האט איהם געפרעגט פאראוואס שלעכט, צי איז געווען חסרון צו טרינקען? ענטפערט דער פויער: צו טרינקען און צו עסען איז געווען גענוג צו פיל. וואס קומט אבער ארויס אז עס איז נישט געווען קיין איין געשלעג...

דאס זעלבע איז מיט א געוויסען טייל יודען, ווען זיי געהען צו קינות מיינען זיי, אז עס מוז פארקומען א געשלעג, נעמען זיי מיט שטעקענ'ס, האלטערהעלצער, שטיינער, און בעת מען קלאגט אויפ'ן חורבן ווארפט מען זיך מיט שטיינער און אנדערע תשמישי מלחמה.

ביי אונז אין רעדאקציע ליגט זענער א האלבער גלעזערנער טאזן, מיט וועלכען מען האט זיך געווארפען.

איך האב געהאט אפילו בעשלאסען ארויסצושרייבען די העלדען מיט זייערע נעמען, ווארום אזעלכע „העלדען" זענען ווערט, אז מען זאל זיי מפורסם מאכען און אזעלכע זענען געווען א סך, פון אין חברות און אויך אין שטיבלעך, נאר גערניישט, דאסמאל שענק איך זיי, און דערביי מאך איך אויפמערקזאם, אז איך טהו דאס דערפאר, נאר פשוט דעריבער, ווייל איך וויל זיך נישט פערגעסען מיט זיי און מאכען פון זיי פאלקס - העלדען. איך פערצייכען זיי נאר און טלגעמיין, אז מיט אזעלכע הילדע מעשים טהוט מען נאר פערשוועכען דעם גרויסען פערלאזענעם טרויער-טאג, ווען דאס יודישע פאלק בעוויינט דעם אנדענקען, ווען דער גרויסער שיקזאל האט צוגענומען ביים פאלק זיין זעלבסשטענדיגקייט.

גאנגבארע סחורה איז א שלעכטע צייט.

קאסט א ווארשאווער צייטונג א סך געלד, קויפען עס ווייניג מענשען, וואס טהוט מען פאלט מען אויף אנ'עצה און מען גיט ארויס א נאכטיטאג-צייטונג פאר 10 גראשען און דערצו גיט מען נאך פרעמיעס, קויפען מענשען.

מיינט איהר דאך אודאי, אז מען קויפט דערפאר ווייל עס איז בילליג האט איהר א טעות, מען קויפט די צייטונגען דערפאר, ווייל זיי זענען פול מיט „רכב" מאטעריאל פון א געהיימען סארט, למשל: דער שרעקליכער פרויען-פערפיהרער, און גאנגס-בנדיט פון דער שעהנער העלענא, די געהיימניס-פולע סודות פון דעם שעהנעם פערל א. א. וו.

מענשען האבען ליעב פיקאנטעס, דאריבער ווערען די צייטונגען מיט זוכעניש, אנדער דארפט זעהן, אז עס קומט פערנאכט, ווען די צייטונג קומט אן שטעהען הונדערטער מענשען און ווארטען, אזוי לאנג אז די צייטונגס-פערקויפער טהון א טובה, ווען זיי בעוויליגען צו פערקויפען א צייטונג, און אלט און יונג קויפען.

עס איז אזוי ליעבע פרענד, די ווארשאווער צייטונגען, וועלכע האבען לעצטענ'ס איבערגעלעבט א שטיקעל קריזיס האבען זיך געראטעוועט, ווי האבען דערפיהלט דעם געשמאק פון עולם און שטעלען איהם צו פאסיגע סחורה.

און א שלעכטע צייט, איז דאס גאנגבארע סחורה.

עגמת נפש

האב איך געהאט, ווען איך האב זיך יענע וואך דערוואוסט, אז די מעשה וועלכע איך האב געשריבען וועגען דעם ה' בירא, וואס ער האט געוואלט איינלאדענען דעם רבי'ן פון שווארץ אויפ'ן ברית אלס סנדק און אז עס איז פארגעקומען א אינצידענט מיט'ן שוחט ר' נחום שפיץ נישט אינגאנצען מיט'ן אמת.

לעולם בין איך זעהר פערזיכטיג אין אזעלכע ענינים, נאר די מעשה האט מיר דערצעהלט א איש נאמן, וועלכער איז געווען אויפ'ן ברית און איך האב איהם געגלויבט. קומט אבער ארויס דער ה' בירא און דערצעהלט מיר, אז די מעשה איז. לונענער האב איך טאקע עגמת נפש.

לווין

מיט אנ'אויספלוג קיין אמסטוב.

(סוף).

באותו הרגע האט זיך די ערד געשפאלטען און דאס פארל איז איינגעזונקען געווארען, און אויף דעם קבר איז אויסגעשטעלט א סטעלע מיט 2 קעפ און די דאזיגע סטעלע האט מען א נאמען געגעבען די פערשטיינערטע חתן כלה.

ארום אמסטוב זענען פערהאן פועל צדיקים פון קאשעוואנ, אויך זענען ארום אמסטוב פערשידענע קאסטעלען, נאר קיין [illegible] איז נישט צו זעהען.

מיר גייען זיך אין קלערען מער, פערטיגען זיך מיט אנדערע פערהאַנדלונגען און דאן לאזען מיר זיך בעטראכטען.

דאס יודישע אמסטוב.

קודם כל בעזוכען מיר דעם בית-המדרש, וועלכער בעשטעהט פון 2 גרויסע חדרים, דאס איז דער מקום תפילה פון די חסידים, וועלכע דאווענען נישט אין דער שוהל, שטעט האט איין בית המדרש גערופען אויסשליסליך פאר די [illegible] חסידים און דאס צווייטע פאר אנדערע חסידים, נאר איינס דאווענען זיי אויך צוזאמען.

אין בית המדרש האבען מיר גע-טראפען לערנען א צעהנדלינג בחורים וועלכע זענען זיך אויסגעטהערן פון פערשיידענע שטעטלעך, דער רב לערנט מיט זיי א שיעור, דאס דויערט 2 שעה און די איבעריגע צייט לערנען זיי פאר זיך.

ווען די בחורים האבען אונז דערזעהען, האבען זיי אנגעהויבען לערנען אויפ'ן קול, מען מיר האבען זיך דער-צעהלט צו זיי האבען זיי [illegible] אונז געענטפערט אויף אונזערע פראגען, עס האבען זיך אפילו געטראפען צווישען זיי, וועלכע [illegible] האבען אבער זיך נעהאלטען טרפיג און האבען אונז נישט אויפגענומען.

דאס בית המדרש איז זעהר רואינירט; און געפונט זיך אין א קלאגעדיגען צושטאנד, די פענסטער ווערען צובראכען, עס פעהלען האלבע בוידעמס, די בענק קוים האט זיי האלטען זיך, די פארלעגנעס צוריסען או"ח.

מיר וועלען בעטראכטען די שוהל, נאר דעם שמש איז נישט געווען צו געפונען, דער גאנצער עולם איז פערזאמעלט אויפ'ן הויף מיר קוקען אריין דורך די פענסטער און מיר זעהען א געוועהנליכע פראווינצער שוהל.

א בעזונדער קאפיטעל פערדינט לויט מיין מיינונג

די אמסטאווער רבצין

שוין גאנץ לאנג האב איך געהערט דערצעהלען, אז די אמסטאווער רבצין איז א יודענע א קאזאק, וועלכע הויל אויף יעדען שריט און טריט ארויס-תחיען, או זי איז א מארשאלערין און קאן האלטען פערד, אונבערהויפט ווען עס האנדעלט זיך אום צופיינערן פאר קריסטען.

עס למשל דערצעהלט מען, אז די רבצי'ן פערטרייבט איהר גאנצע פריי צייט מיט די קריסטליכע שכנים, וואו זי האלט זיך אונטער אויפ'ן איינטעלי-גענטישען שטייגער, און מיט די יודי-שע שכנים געפינט זי נישט פאר נויטיג זיך צו חבר'ן דערפאר, ווייל זיי זענען צו ווייניג אינטעליגענט פאר איהר, דאגעגען קריסטען, מענען זיי זיין אינטעליגענטען, זענען זיי אבער דאך אייראפעער.

נאך פערשידענע אזעלכע מעשות וועגען דער רבצי'ן האט מען מיר דער-צעהלט אין אמסטוב, און פלוצים האב איך זי בעגעגענט און געהאט מיט איהר א געשפרעך, וועלכעס האט אויף מיר געמאכט א שטארקען איינדרוק.

איך האב זי געטראפען שטעהן פאר דער שוהל מיט עטליכע קריסטינס, איך האב נישט געוואוסט, אז דאס איז די רבצי'ן, ווארום איך האב זיך נישט גע-קאנט פארשטעלען, אז די אמסטאווער רבצין, איבערהויפט א עלטערע פרוי, געהט אין א שייטעל אלא נארטען.

ווען אונזער חברה האבען מאטערוג בוז מען האט געעפענט די שוהל טאקע זיך אונטערהאלטען, האבען זיך די קריסטינס אנגערופען צו דער רבצי'ן מיט די ווערטער: פון ווען לאכען זיי פון זיך וועלבסט, אין די דאזיגע ווערטער איז געלעגען א ים מיט גיפט, די רבצי'ן ענטפערט, אז דאס זענען ביידעס (איך האב נאטירליך נישט געוואוסט אז דאס איז די רבצי'ן) האב איך זיך אנגערופען, הלמאי זענען מיר ביידעס, וואס זי מיר געענטפערט לכתחילה אויף פויליש, אז מיר זענען נישט קיין קולטורעלע מענשען, באשר מיר האלטען זיך צופיעל פרום, האב איך איהר מסתמא געענטפערט (אויף יודיש נאטירליך). אז מיר האלטען זיך טרפיג, נאר איהר בעמערקונג צו די קריסטינס אז מיר זענען ביידעס, איז גוכער נישט קולטורעל, קורץ, די רבצין האט זיך מיט אונז אנגעהויבען קריגען און אונז אנגערופען חולדע מענשען, אונבערהויפט איז געווען תולד דאס וואס די יונגע לייט זענען געגאנגען צוזאמען מיט די פרעלינס, אזוי או די חסידישע יונגעלייט האבען געמוזט אנטלויפען.

מיר זענען אוועק ווייטער בעטראכטען דאס שטעדטעל. די אמסטאווער יודישע איינוואוינער, וועלכע האבען בעגעגענט דעם אינצידענט, האבען אויסגעדריקט זייער פערדרוס אויף דער דאזיגער פשוט סקאנדאליעזער בעציהונג פון דער אמסטאווער רבצי'ן.

אויך האבען מיר געזעהען דעם אמסטאווער שטאדט-נאר

וואלף יאפצאק

דאס איז א יוד א גיבור, וועלכער קען איינען ברעכען, אזוי איז ער א שטיל-לער בעשטייענער מענש, אבער קוים דערצערנט מען איהם קאן ער יענעם צו-קרעטשען, פאר א מאך ווארט האט מען איהם תחנות געמאכט מיט א גר'טע, נאר לאנג האט ער מיט איהר נישט געוואוינט.

יאפצאק האט עס דערפאר, וואס זיין בעליבטע טאכטער איז פערבעטרויפט [illegible] שיעור, מען האבען איהם [illegible] זיצען אין [illegible] ער האט אונז בעטראכט מיט געהאלטענע אויגען.

מיר קעהרען זיך אום אויפ'ן ווער, געגען [illegible] ה' בזבער [illegible] עטליכע אויס-נאמען, און מיר קעהרען זיך אום שפעט אין דער נאכט קיין משענ-סטאכאוו.

ש. פראנק.

דער הינער שמארדט - פרעזידענט אויף ארלויב.

פון מאנטאג דעם 19 ד. ח. איז דער שמארדט-פרעזידענט ה' ירמולאַ-מיטש אוועק אויף א 6 וואכענדיגען אברות-אורלויב, עס וועט איהם פערטרעטען און אלע זיינע פליכטען דער הויכע פרעזידענט ד"ר נעהעק.

וועגען צופאהר צום באהן-הויף.

די וועג-אבטיילונג ביים מאגיסטראט קאמוניקירט אז ביז דאן ווען די ארבעט אויף דער פילסודסקי גאס ביז צום באהן-הויף וועט פערטיג ווערען, וועט דער צופאהר צום באהן-הויף פערקי-מען דורך די גאסען עגראראווע און פיעטרקאווסקא.

דאס שטאדט-טעאטער האלט ביים פערענדיגט ווערען.

צוליעב דעם וואס די נעביגע פון היגען נייעם שטאדטישען טעאטער האלט שוין ביים פערענדיגט ווערען, אזוי אז מען רעכענט דאס אין קורצען וועט דאס טעאטער געעפענט ווערען פאר'ן פובליקום, און אנטשלאסען א פלאן אז דער מאגיסטראט זאל פער-בריטערן און אספאלטירן די קילינסקי גאס, פדי דער צוגאנג און צופאהר צו דעם שטאדט-טעאטער זאל זיין שענער און אומפאזאנטער.

עס איז אבער א גרויסע פראגע צי דער הינער מאגיסטראט וועלכער איז שוין אזוי אויך גענוג פערשולדיגט צוליעב די לעצטע אינוועסטיציעס וועט זיך קענען און וועלען אנגאזשירן מיט גאנץ גרויסע אויסגאבען.

א טייל ארבייטער-הייזער ווע-רען שוין געעפענט.

ווי בעהאוסט האט דער הינער שטאדט-ראט בעשלאסען צו בויען א רייהע ארבייטער - הייזער און דערמיט כאטש טיילווייז צו לינדערן דעם שרעקליכען מאנגעל אין וואוינונגען - נוט אין אונזער שטאדט.

עס ווערען געבויט 5 דריי-שטאקיגע הייזער, 2 אויף דער סטאביעסקי גאס און 3 אויף שפ. בארבארא, יעדעס הויז פון די דאזיגע הייזער ענטהאלט 80 שטובען, אויך איין הויז אויף זלאטע גאס וועלכעס ענטהאלט 25 שטובען.

די דאזיגע ארבייטער-הייזער ווערען געבויט מיט אלע נוטיגע איינריכטונגען ווי קלאזעטען און באדע-צימער, אויך א בשותפות'דיג וואש-צימער, מיט וואסערלייטונג און קאנאלוואציע.

און צוויי-דריי חדשים ארום וועלען געעפענט ווערען צום וואוינען איין הויז אויף סטאביעסקי גאס, און איין הויז אויף בארבארא, די איבעריגע הייזער וועלען אויפגעפערטיגט ווערען אין קומענדיגען יאהר.

די מעהרהייט וואוינונגען זענען 1 שטוביגע, אבער עס זענען אויך פער-האנען א קלענערע צאהל 2 שטוביגע וואוינונגען, די הויך פון דירה - געלד אין די דאזיגע הייזער וועט בקרוב פעסטגעשטעלט ווערען.

עס קענען געוויס נישט זיין קיין צוויי מיינונגען און דעם אז דער מאגיסטראט מהוט מיט אויפשטעלען די דאזיגע הייזער א זעהר וויכטיגען טהאט פאר די ארומע ארבייטער-מאסען, עס בלייבט נאך איבער זיך צו וויגשען אז די בעדינגונגען זאלען זיין אזעלכע דאס די יודישע ארומע ארבייטער זאלען אויך פון די הייזער קענען גענוסען.

די האנדווערקער-באנק

ארכע 12, טעלעפאן 812.

מאכט בעקאנט דאס אין דער באנק ווערען געמאכט אלערארט געלד אפע-ראציעס ווי: דיסקאנטא, וועקסלען און פראלאנגירען אויף אינקאסא, עס ווערען אויך אנגענומען וועקלאדען און אבשפא-רונגען פון 50 גר. אן, די באנק איז אפען יעדען טאג פון 9 פריה ביז 2 מיטאג און פון 5 ביז 7 אוועגד.

בעמערקונג: אלס מיטגלידער אין אונזער באנק ווערען אנגענומען אויך סוחרים און קליינהענדלער.

שבת איז די באנק געשלאסען.

מען דארף זיך היטען פאר שפוב - גנבות.

אין דער פאליציאישער כראניק ווערען די לעצטע צייט פערצייכענט פיעל גנבות אין וואוינונגען וואס קומען פאר ביי אונז אין שטאדט, דאס איז צוליעב דעם וואס אין זומער - צייט פערלאזען פיעל מענשען זייערע שטאדטישע וואוינונגען און פאהרען אוועק אויף זומער-וואוינונג, און אויך די וואס זענען אין שטאדט גענען אסך שעה'ן און טאג שפאצירען אין די פארקען, צוליעב די גרויסע היצען, און זייערע וואוינונגען זענען נישט גענוג פערזיכערט.

עס איז דארובער דער חוב פון אלע וואס הילען באהוטען זייער אייגענטום שלאסונג צו געבען אז ביים פערלאזען די וואוינונגען זאלען אזעלכע זיין גוט פערשלאסען און ווי ווייט מעגליך פערהיטען פון גנבים.

דער מלוכה-פרעזידענט דורכ-געפאהרען משענסטאכאווער פאוויאט.

דעם פערגאנגענעם שבת אין די מיטאג שעה'ן איז דער מלוכה-פרעזידענט אויף זיין רייזע מיט א אויטא קיין קאטאוויץ אויף דער פייערונג פון דעם 10 יעהריגען ערשטען אויפשטאנד אין אויבערשלעזיען, ארורכגעפאהרען מיט זיין סוויטע דורכ'ן משענסטאכאווער פאוויאט.

אויף דער גרעניץ צווישען משענסטאכאווער און ראדאמסקער פאוויאט האט דעם פרעזידענט בעגריסט דער הינער סטאראסטא ה' קוחן, וועלכער האט אנטייל גענומען אין דעם נאכפאלגענדען וואס דער פרעזידענט מיט זיין סוויטע האבען אבגעהאלטען אין וואלד ביי זלאטי-פאטאק.

וועגען בויען א שפיטאל פאר גייסטיג קראנקע איז דער קעלצער וואיעוואדסטווא.

זינט א לאנגע צייט ווערט שוין גע-טראכט און די מאסנגעבענדע קרייזען וועגען דער נייטהווענדיגקייט פון בויען און קעלצער וואיעוואדסטווא א שפיטאל פאר גייסטיג קראנקע וועלכעס געפונט זיך נישט אין דער גאנצער וואיעוואדסטווא.

איצט איז דער ענין שוין געהערען רייף, און ס'איז כמעט שוין א בעשלאסענע זאך אז שפיטאל אויפצושטעלען, עס איז נאר בלויז א פראגע וואו דאס שפיטאל זאל געבויט ווערען, פריהער האט מען געפלאנט דאס אויפצובויען אין דער געגענד פון מיעכאוו, אזוי אבער ווי ס'איז פערהאנען א סברא אז דער מיעכאווער פאוויאט זאל איבערגעהן צו דער קראקאווער וואיעוואדסטווא קען שוין קיין רייד נישט זיין וועגען בויען דארט דאס שפיטאל.

יעדענפאלס איז א פראגע פון א קורצער צייט ווען די ארבייט וועט זיך אנהויבען, און איינער פון די מלוכה'שע גימער, און דער קעלצער וואיעוואדסטווא.

א בעריכט וועגען דעם 16 קאנגרעס.

דעם 16-טער קאנגרעס, וואס איז נאר וואס פארגעקומען אין ציריך (שווייצאריע), האט ארויסגערופען א גרויסע אויפמערקזאמקייט ביי אלעמען.

עס איז דארובער זעהר וויכטיג, וואס דן היגע ציוניסטישע ארגאניזאציע ניט די מעגליכקייט, די אלע וואס אינטערעסירען זיך מיט דער וועלטבינג פון אונזער פאלק, זיך צו בעקענען מיט דעם, וואס עס איז פארגעקומען אויף דעם 16-טען קאנגרעס, דורך דעם בעריכט וואס זי ארדענט איין מארגען שבת י"ח מנחם-אב (24VIII) 7 אזייגער פארנאכט אין איהר אייגענעם לאקאל אויף פילסודסקי 13.

דעם בעריכט וועט אבגעבען דער דעלעגאט צום 16-טען קאנגרעס ד"ר חיים ליפשיץ.

קליינער פעליעטאן.

נייע און אלטע סיסטעמען

זיצען מיר עטליכע חברה-לייט אין א צוקערניע און רעדען וועגן פערשידענע נייעסן, וועגן פאליטיק ספח די מלחמה-אויסברוך אויפ'ן מיטען מזרח צווישען די געלע מיט די רויטע, מיר קומען צו אויפ'ן חשבון פון אונזערע כלל-מחויער און שתדלנים - פערזיירנער און מאכען א חשבון פון די גרויסע טובות וואס זיי ברענגען פאר'ן כלל-ישראל.

דען געהט מען איבער צו די לעצטע געשעהענישען ביים כותל מערבי און א זיפץ, א טיעפער זיפץ, רייסט זיך ארויס פון הארצען, ווענענדיג אז מיר יודען נישט קוקענדיג אויף אלע צוזאגען אונז צו אנערקענען אלס פאלק וועט מען נאך אזוי אויס.

זיצען מיר אזוי אין א געדריקטע שטימונג און גערען אז עמיצער זאל ארויספיהרען אונזער שטימונג אויף אנ'אנדערע טעמא, נאר קיינער האט נישט דעם מוטה. פלוצים זעהען מיר ווי עס עפענט זיך די טהיר און עס שטעלט זיך אריין א קליינער, א דיקער, מיט א וואריגען קאפעליוש אויפ'ן קאפ און וואנט אונז א גרייסען גוטען-אוונד און אידער מיר האבען צייט איהם צו ענטפערן זעצט ער שוין ביי מיר און הויבט אן צו דערציילען וועגען זיינע חופטיגע ערפינדונגען און די אנערקענונג וואס ער האט צווישען דעם מוחר-סום אין משענסטאכאו. און אויך אין דער גאנצער פוילישער רעפובליק.

מיר זענען אבער נישט אויפגעלעגט צו הערען וועגען מסחר, וואס קרינגט אונז שוין פון האלז, מיר הילען נאר פשוט פיהרען א לייטען שמועס, נאר די כותל-המערבי העט אונז דן געמיטער קאליע געמאכט.

פאניע הערטען, בעטען מיר זיך דארובער ביי איהם, דערציילט אונז עפיס וועלכעס, וואס זאל אונז צוריק-ברענגען צום פריהערדיגען הומאר, אונזער חכם לאזט זיך נישט בעטען און הויבט אן צו דערציילען, בעסער געזאגט, ער האלט פאר אונז א מין לעקציע.

הערט אויס רבותי, הויבט ער אן, עס זענען פערהאנען צוויי סיסטעמען אנ'אלטער און א נייער. א'אלטער סיסטעם הייסט אז מען פיהרט זיך אזוי ווי אונזערע עלטערן האבען זיך גע-פיהרט, דהיינו מען איז געפאהרען אויף א פוהר מיט פערד, מען האט געהאט קינדער אזוי ווי גאט האט געגעבען און מען האט נישט געוואוסט פון די נייע מאדערנע צרות.

נייער סיסטעם היינט, דאס פליהען אין דער לופט מיט עראפלאנען, לויפען משוגענערהייט אויף אויטאמאבילען האבען אנ'איינציג קינד פון וועלכען מען האט מעהר צרות ווי אמאל פון 10 קינדער.

איצט זאל מען מאכען א חשבון — רעפערירט ווייטער הערשעלע — ווען איז געווען בעסער, דאמאלס צי היינט? עס למשל זאל מען אויסרעכענען וויפיעל קרבנות זענען שוין געווען פון די אויטאמאבילען, עס איז דאך פשוט א רציחה, שרייט ער אויס, אויב די עולמס האבען פערגעווענען און לאה-רען אויף אנ'אויטא, וואס וועלסטו פון מיר? פארוואס מוז איך מיין לעבען אויסשטעלען? וועגען איהר געגען עראפלאנען האב איך גארנישט, מכח נפשך, דו הולסט פליהען אין דער לופט און געהרג'עט ווערען מאיבא תיתא, זאל עס דיר זיין צום געזונד, ווארום ווער הייסט דיך דען פליהען, דו הולסט דוקא פליהען און דיר קיינער נישט שולדיג, אבער דער ווייטיגער מענש איז נאך פון קיין עראפלאן נישט גע-הרג'עט געווארען, ביי אנ'אויטאמאביל אבער ווערט דאך נעה'רגעט דער אומ-שולדיגער דורכגעהער, וואס האט נאכ-נישט אפילו געהאט די זכיה צו פליה-לען דעם טעם פון פאהרען אויף א אויטא.

דאס איז א נייער סיסטעם מיט וועלכען איך בין בשום אופן נישט מסכים, אויך בין איך נישט מסכים מיט'ן נייעם סיסטעם פון קינדער האבען, אמאל פערצייטענס, האט מען געהאט קינדער, וויפיעל גאט האט געגעבען. עס איז אמאל האב 6 קינדער וועלען מיר לעבען, און זיי האבען מיך אב-געקאסט פונקט אזוי פיעל, חוץ עס קאסט היינט איינאונצוואנציג קינד, (און תוך פרי דבור, נעמט ער ארויס א שפיקעל בלעך און מאכט א השבון), אלע זענען געווען געזונד, האבען גע-האט אפעטיט, און זענען אויסגעוואק-סען געזונדע יונגאטשעס. נעמט אבער היינט, ווען מען האט איין קינד און מען צערטעלט עס מיט צוקער קוכען און שאקאלאדקעס און עס הויל נישט עסען, לויפט מען צו דאקטוירים מיט מעדעצינען, און דאס קינד וועקסט א שוואכע; צרה.

היינט ווער שטעסט, אז די קינדער ווערען עלטער, האבען דאך די מאמע טאטע א נוצען פון זיי, דער פאטער קען אמעריקא שיקט ער דאלארען, דער צווייטער קען פראנקרייך, דער דריטער עפענט זיך א געשעפט וכדומה, און די עלטערן האבען פון זיי נחת.

די עלטערן וועלכע האלטען פון איין קינד סיסטעם, איז לא דן, וואס זיי לעבען א וועלט נישט נארמאל גע-זונד לעבען און מוזען זיך ס'גאנצע לעבען דאקטערן, איז נאך דאס איינציגע קינד א לא יצלח, האט מען וועט קיין נחת דערפון בעשטימט נישט האבען.

די עלטערן פערטיידיגען זיך, אז אין דער היינטיגער שווערער צייט איז נישט מעגליך פיעל קינדער צו האבען, און ותשנית נעמט עס צו ביי די עלטערן דאס געזונד און ביי דער מאַמען דאס שענקייט, ווי איך אבער אייך אוים, אז עס איז פונקט פער-קעהרט, אז 6 קינדער מאכט אוים פיל לייכטער ווי איין קינד, און וועגען גע-זונד ווערט שוין בעסער נארנישט. זאל מען מאכן א קוק מהון ווי אזוי אונזערע עלטערן האבען אויסגעזעהען ווען זיי האבען געהאט אסך קינדער, און ווי אזוי זעהט אויס אונזער היינטיגע חבריה ווען זיי האבען נאר איין קינד.

דערובער — פרעגען מיר דערי-בער, איז מיין עצה, אויב מען הויל זיין געזונדע נארמאלע מענשען און צורוקשטעלען די וועלט צו איהר נאר-מאלען גאנג, אזוי ווי עס איז געווען אמאל, זאל ארויס א געזעץ, אז עס זאל אבגעשאפט ווערען דער נייער סיס-טעם פון אויטאמאבילען און פון נישט קיין קינדער האבען און איינפיהרען דעם אלטען געזונדען נארמאלען סיס-טעם.

די לעקציע וועלכע איז ארויסגעזאגט געווארען אין עטליכע געצעהלטע פשוט'ע ווערטער, האט אויף אונז אלע-מען געמאכט א מיעסען איינדרוק, און מיר זענען אוועק נאכטראכטען אין די אמת'ע ווערטער פון דער אזוי ריין מענשליכער לעקציע.

סמאל.

א אזכרה נאך ר' נתן נע-ריכטער ז"ל.

פערגאנגענעם פרייטאג י' אב, צו דער דרייטער יאהרצייט פון דעם בע-וואוסטען היגען כלל-טוער און ציוניס-טישען מנהיג ר' נתן נעריכטער ז"ל האט די היגע ציוניסטישע ארגאניזאציע איינגעארדענט א אזכרה אויפ'ן קבר.

ביים קבר האט זיך פערזאמעלט די משפחה פון נפטר, די נאהנטסטע מיט-ארבייטער און מיטגלידער פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע.

די נעהעריגע קאפיטלעך תהלים און אל מלא רחמים'ס האט געמאכט דער זינגער ה' שמידט.

װעגען לעבען און טעטיגקייט פון פערשטארבענעם ציוניסטישען טוער, האט אין א זעהר געלונגענער רעדע געשילדערט זיין געוועזענער מיטארבייטער אין דער ציוניסטישער ארגאניזאציע ה' פ. וואנדערשטיין. ער האט דערצעהלט ווי אזוי ה' נעריכטער האט בעת דער רוסישער הערשאפט, ווען די ציוניסטישע ארבייט איז געפיהרט געווארען אינלעגאל, האט ער זיין גאנצע לעבען אוועקגעגעבען פאר דער ציוניסטישער טעטיגקייט. ער שילדערט איהם אלס מענש, איבערגעגעבענעם אידעאליסט פאר די נויטבעדערפטיגע יודען, אלס מיטף הערצינער, איבערגעגעבענער קעמפער פאר די ציוניסטישע אידעאלען. ער האט זיך אויך געשטעלט פאר זיין אויפגאבע צו ציהען די יוגענד צו דער ציוניסטישער ארבייט.

אין א זעהר גערירטער שטימונג האט דער צאהלרייכער עולם פערלאזט דאס קבר פון דעם פטירען נפטר.

א גרופע צעירי אגודת ישראל פייערט דעם סיום פון בעקו-מען דיפלאמען פאר בוכהאל-טעריע און באנק וועזען.

דעם פערגאנגענעם מאנטאג איז אין לאקאל פון די קורסען ביי דער האנד-ווערקער-שולע, פארגעקומען דאס פערטיילען דיפלאמען א גרופע שילער פון דער צעירי אגודת ישראל, וועלכע האבען געענדיגט די קורסען פאר בוכהאלטעריע און באנק-וועזען.

ה' קאפלאוויטש עפענט די פייערונג און ערקלערט, אז אין דער צא"י ארגאניזאציע איז ענטשטאנען א געדאנק אויסצובילדען א גרופע מיטגלידער, וועלכע זאלען אויסער די גייסטיגע שפייז אויך בעזיצען א געוויסע צוגרייטונג צום לעבען, האבען זיי איינגעארדענט א 6-חדשים'דיגען קורס פאר בוכהאלטעריע און באנק-וועזען. לעצטענ'ס זענען פארגעקומען די עקזאמענ'ס וועלכע האבען געגעבען א גלענצענדען רעזולטאט און הײנט וועט מען די דיפלאמען צוטיילען. אין נאמען פון דער חנוך און קולטור-קאמיסיע ווינשט ער די שילער ערפאלג אין זייער ווייטערדיגער ארבייט.

דער לעהרער פון די קורסען ה' מארקאוויטש בעגריסט די שילער און ערקלערט אז ער איז שטענדיג גרייט זיי צו דינען מיט ידיעות װעגען פערשיידענע פאך-אנגעלעגענהייטען, אפילו דאמאלס, ווען זיי וועלען עס געברויכען ביי דער פראקטישער ארבייט.

ה' ל. פאגעל שטרייכט אונטער די גוואלדיגע בעדייטונג פון דעם פערענדיגען די קורסען דורך די צעירים. ביז הײנט האבען מיר זיך פערנומען בלויז מיט רוחניות, דאס לעבען האט אבער בעוויזען אז מיר דארפען אויך האבען אנ'עקאנאמישען באזיס אונטער די פיס, מיט דעם דאזיגען אקט פערפעסטיגען מיר זיך נאך א פאזיציע אין אונזער לעבען. ער ווינשט זיי ערפאלג אין זייער ווייטערדיגען לעבענס-וועג און דערביי רופט ער זיי אויף צו בלייבען טריי זייערע אידעען.

עס בעגריסען נאך די ה"ה אינגוש, פרזיסוסקער, לנדמאן רעכער און נאמען פון פא"י, י. ד. ערעליסט—אגודה. דאן צוטיילט ה' מארקאוויטש די דיפלאמען די 15 שילער.

אין נאמען פון די שילער דאנקט ה' פיאטרקאווסקי דעם לעהרער ה' מארקאוויטש פאר זיין מיטטיגער ארבייט, דעם אינגוש. פרזיסוסקער פאר די פריינדליכקייט פון אבגעבען דעם לאקאל פאר די קורסען, די איינגעלאדענע געסט, אויך דעם פארשטעהער פון אונזער צייטונג, וועלכער איז געקומען אויף דער ספעציעלער איינלאדונג.

דער ה' קאפלאוויטש רעדט נאך א פאר װאַרימע ווערטער און ווינשענדיג נאכאמאל די אבסאלווענטען הצלחה אין זייער ווייטערדיגען לעבענס-וועג שליסט ער די פייערונג.

געשאפען א איבער-ראט פון די קאאפעראטיווען.

דורך דער איניציאטיווע פון האנדווערקער - פערבאנד איז אין אונזער שטאדט געשאפען געווארען א איבער-ראט פון די קאאפעראטיווען, וועלכע זענען אין משך פון לעצטען יאהר געשאפען געווארען א דאנק דער איניציאטיווע פון האנדווערקער-פערבאנד.

צום איבער-ראט געהערען פאלגענדע קאאפעראטיווען:

1) האנדווערקער-באנק 2) מעכאנישע שוסטער „אגוביע", 3) הילצ'ל-מעבלער קאפ. „משאפניק", 4) בעקער-קאאפעראטיוו.

די אויפגאבע פון איבער-ראט וועט זיין: 1) אכטונג געבען, אז די בוכפיהרונג זאל געפיהרט ווערען אין ארדנונג, 2) ערלעדיגען סכסוכים צווישען די מיטגלידער, 3) פערשאפען קרעדיט און מאשינען פאר די קאאפעראטיווען, און 4) מיטהעלפען גרינדען פרישע קאאפ. און זיי געבען נעהעריגע אינפארמאציעס.

אין איבער-ראט זענען אריין פאלגענדע ה"ה: ש. ניעמיראווסקי, ב. באמשען, י. גאלדבערג, א. דזיאלאשינסקי, פרידמאן, ש. קאץ, גאנשערוויטש, ראזענבערג, י. הענדעלס, א. ווידמאן און ח. בערקאוויטש.

ווייטערע אויספלוגען פון דער יודישער געזעלשאפט פאר לאנדוויסענשאפט.

די אויספלוגען פון דער יודישער געזעלשאפט פאר לאנדוויסענשאפט ווערען ווייטער פערגעזעצט מיט ער-פאלג.

דעם הײנטיגען זונטאג ווערט איינגעארדנט א וויסענשאפטליכע עקסקורסיע קיין סורעי, וואו עס וועלען בעזוכט ווערען די שטיין גרובען, די קאלך אויוונען, בעקענען זיך מיט דער קאלך פראדוקציע און אלע איבריגע פאזען.

דאן וועט בעזוכט ווערען דער וואלד, די הערליכע געגענד, די סקאלעס, וואססער קוואלען אז"וו.

דער צוזאמענקונפט וועט זיין זונטאג האלב 9 פריה אין לאקאל פון יודישען טורן און ספארט פעראיין, אלעי-דאמא 22.

דעם קומענדיגען זונטאג גרייט זיך אנ'אויספלוג קיין טרעדוניע, קריי-מולאח, פילץ, און די וואסער-קוואלען פון דער „ווארטא".

אינשרייבונגען ווערען שוין אנגענומען.

עפענטליכע רעכט אויף אנ'-אונבעגרענעצטע צייט פאר פר"ל ז. ווינשטאק'ס שולע

ווי מיר ווערען געמאלדעט האט די קאָעדוקציאנס-שולע פון פר"ל. זאפיא ווינשטאק אין טשענסטאכאו, וועלכען דאס מיניסטעריום האט ביז-יעצט אנערקענט די רעכט פון מלוכה - שולען פון יאהר צו יאהר אויף איינצעלנע שול-יאהרען — איצט בעקומען קענ-טליכע רעכט אויף אנ'אונבעגרעניצטע צייט, דעצוזיע פון מיניסטעריום פאר רעליגיע און בילדונג פון
5 VII 1929 za № I T. 21353|28.

מען דארף זיך בעצייטענ'ס פערזארגען מיט קויהלען.

אין דער פרעסע, ווי אויך פון סאָציעלע קרייזען ווערט מען גיסט אויף צו הארכען די בריטע בעפעלקערונג ווער עס האט נאר ווי עס איז די מעגליכקייט או יעדער זאל זיך בעצייטענ'ס פערזעהן מיט קויהלען אויפ'ן קומענדען ווינטער.

די פראקטיק פון פאריגען ווינטער האט אונז בעוויזען ווי קאטאסטראפאל די לאגע איז, ווען דער ווינטער איז א שווערער און קיין קויהלען האט מען זיך נישט פארגעגרייט. זעלבסטפערשטענדליך פון די ארימע, וואס האבען נישט קיין מעגליכקייט דערצו רעדט מען שוין נישט, אבער יעדענפאלס, ווען די רייכערע און מיטעלמענשען, וועלכע האבען גענוג קויהלען וועט אויך דער ארימאן אין ווינטער גיכער בעקומען קויהלען.

דאס איז אויך וויכטיג דערפאר ווייל פון 1 אקטאבער ווערט געהעכערט דער באהן-טאריף פון קויהלען.

עס איז ווינשענסווערט אז די פילאנטראפישע חברות, וואס פערנעמען זיך מיט'ן פערזארגען די ארימע בעפעלקערונג מיט קויהלען אויפ'ן ווינטער, זאלען דאס אויך טהון וואס פריהער.

פון דער פראווינץ.

קרזעפיץ.

וועגען אונזער שטעדטיל וואלט מען געדארפט לסדר האלטען אין איין שרייבען, ווארום עס האט זיך נישט צו שעהמען מיט איהרע נייעסען פאר די גרעסטע שטעדט אין פוילען. דער אינטערעסיר איז נאר וואס אין אנדערע שטעדט ווערט עפיס געטהון אויך פאר דער ענטוויקלונג פון פערשידענע פילאנטראפישע און קולטורעלע אינסטיטוציעס און ביי אונז איז די אפנצוגע לעבהאפטע טעטיגקייט, וואס איינער איז דעם צווייטען א יורד לחיו, איינער דעם צווייטען וואלט גערן דערטרינקען אין א לעפעל וואסער.

קרזעפיץ איז א שטאדט, וואו די יודישע בעפעלקערונג איז שטארק פערארימט און עס האבען זיך נעדארפט מיטען אביסעל כלל טוער, וועלכע זאלען זארגען פאר'ן פערבעסערן דעם צושטאנד, דהיינו גרינדען הילפס-קאססעס וכדומה, פערנעמט מען זיך נאר מיט מסירות און רכילות און מען שפארט זיך אין די געריכטען און דעם יודישען נאמען מאכט מען צו שאנד און צו שפאט.

די שוין עקזיסטירענדע אינסטיטוציעס, וועלכע געהערען צו דער יודישער קהלה, ווי למשל די שוהל, די מקוה, ווערען רואינירט און קיין געלד אויף צו רעמאנטירען, מענה'ט די קהלה, איז נישטא.

ווער שמועסט א רעכט חדר אדער א שולע פאר דעם יונגען דור איז אוראי נישט פערהאן און די קינדער לויפען ארום הפקר.

וועגען אבער, אז די קרזעפיצער נטורי קרתא טראכטען געווינט וועגען קרזעפיץ. וואלט אויך געווען רכילות. אט למשל זענען זיך יענע וואך צוזאמענגעקומען צום רב אויף א געהיימע אסיפה די קרזעפיצער בעלי-בתים ר' משה ח., ר' חיים'ש, ר' אלחנן און מורינו ר' אהרן, העגען מטכען א געדענקל אויפ'ן בית עולם, כדי אז ווען די יונגאטשעס. די ראזירטע מאדערנע וועלען שטארבען זאל מען זיי בעגראבען הינטער דער מחיצה.

די דיסקוסיע איז געפיהרט געווארען זעהר לעבהאפט.

כאראקטעריסטיש איז דער ענטפער וואס דער רב האט געגעבען אנ'אנוועזענדען, וועלכער האט געפרעגט אזא קלאץ-קשיא: מיר טראכטען ווי אזוי צו בעגראבען די יונגאטשעס, ווי זענען דאך אבער יונגער פון אונז, וועלען זיי דאך צוערשט אונז בעגראבען.

אויף דעם האט דער רב געענטפערט כחא לישנא לדידי, און דאס קען קשיא נישט, ווארום מיר קענען גוזר זיין אויפ'ן מלאך המות, אז ער זאל זיך צוערשט נעמען צו די יונגען און אונז לאזען צו רוה...

טו איהר זעהט ארבייטען אונזערע כלל-טוער זעהר שווער כדי צו פערבעסערן די לאגע פון דער פערטרימטער קרזעפיצער יודישער בעפעלקערונג.

אז, טך און וועה, איז צו אזא צייט, מיט איהרע פיהרער. פ.

Złoty medal na Wystawie w Katowicach 1927.

Zastępca: I. LEWKOWICZ, Częstochowa, Narutowicza 15

Szkoła Rzem.-Przemysłowa
dla Żydów w Częstochowie

podaje do wiadomości, że z dniem 2-go września rozpoczyna się rok szkolny.

Egzamina wstępne trwać będą od 28-go sierpnia do 1-go września b. r.

Zapisy przyjmuje kancelarja w godzinach przedpołudniowych.



איך זוך נעהילפען צו קאמא-שען מאכער ארבייט
מ. שימשקוויטש ארלע 21.

TEATR „VARIETE"

פון שבת דעם 24 און ווייטערע טעג
הײנט! סענסאציע! דאס מעכטיגסטע
און שענסטע עקראן-קונסטווערק!
מאנומענטאלע לעבענס-דראמע פון מענשליכער לײדענשאפט. ליבע! ערשטוים! אפער-ווכט! פערראט! פערברעכען!
רעאלער לעבענס - אמת!

אין די הויפט-ראלען: דער בעריהמטסטער **עמיל יענינגס** און רייצענדסטע **ליא דע פוטי**

איבער'ן פראגראם: **מטרדטר אונטער א לופט**

טעאטער „אדעאן" אלעע 27.
לעצטער סעאנס 10 פארנאכט.

BIAŁA NIEWOLNICA

פון שבת דעם 24 און ווייטערע טעג ווערט דעמאנסטרירט דער גרעסטער סופער-פילם פון דער וועלט-פראדוקציע א. ג.

אין די הויפט-ראלען: וול. גיידאראוו און ליאנא האיד.
די געהיימניסען פון די מזרח-פערוויילונגס-הייזער.
איבער'ן פראגראם: 2 קאמעדיעס

טעאטער נאוואשצי, ארלע 12.
לעצטער סעאנס 10.

WROGOWIE OGNIA

דאס איז נאך אין טשענסטאָכאוו נישט געוועזען!
מעכטיגע סענסאציאנעלע סאלאן-דראמע מיט אנ'אונגעוועהנליכער שפאנונג!
20 אקטען!

ריהרענדע דראמע, וועלכע פערגליווערט דאס בלוט אין די אדערן
עמאציע! — — שפאנונג!
רעקארד אינ'ם נעביעט פון סענסאציאנעלע פילמען!
20 אקטען!

טעאטער „נאוו"י" אלעע 43.
לעצטער סעאנס 10 אה.

Redaktor Izrael PŁOCKIER   Wydawca B. BOCIAN   Druk B. BOCIAN I-sza aleja 6